STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01698

DER SHARLATAN

Jacob Gordin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער

שארלאטאן

לעבענסבילד אין 4 אקטען

פון

י. גארדין

Wydawnictwo i księgarnia

SYMCHA FREUND

PRZEMYŚL

Drukarnia Schwarza i Robinsohna
w Przemyślu

קאַטאַלאָג

פון די נײעסטע טעאַטער־פּיעסען: דראַמעס, טראַגעדיעס, אָפּערעטע
און קאָמעדיעס.

	Zł. gr.
אדלער: י. נאָכ'ן שניט, צײט־דראַמע	1.75
אויערבאַך: בוסתנאי, היסט. אָפּערעטע	1.—
איבסען ה.: דער בוימײסטער, דראַמע	2.—
" דער קלײנער עאָלף	2.—
אַלאַני: דער שטרויענער אַ מן, אָפּער.	1.—
אַנדרעיעוו: דער וואָס קריגט פּעטש	1.50
אַנסקי: דער דבוק, דראַמ. לעגענדע {טאָג און נאַכט, טראַגעדיע	2.—
אַש שלום: דער לאַנדסמאַן, דראַמע	1.50
" גאָט פון נקמה, דראַמע	1.50
" יפתח'ס טאָכטער "	1.—
" שבתאי צבי "	1.25
" משיח'ס צײטען "	1.50
בימקאָ: די אינטריגע, טראַגעדיע	1.—
" פערבאָרגענע כוחות, דראַמע	1.25
" אויפ'ן ברעג װײסעל "	1.25
" גנבים "	1.—
גאָגאָל נ. וו.: דער רעװיזאָר, קאָמעדיע	1.75
בר־כוכבא: מוזיק, מעלאָדראַמאַ	1.—
גאָלדפאַדען: די באַבע מיט דעם אײניקעל	1.—
" דאָקטאָר אַלמאַסאַדאָ, היסט. אָפּ.	1.—
" כשופמאַכערין, אָפּערעטע	1.—
" קאַבצעניאָן און הינגערמאַן, אָפּער.	1.—
" דער ליגנער: קאָמ. אָפּערעטע	1.—
" קוני לעמיל "	1.—
" שולמית, מוז. מעלאָדראַמע	1,—
גאָרדין: דער אמת, דראַמע	1.—
" אלישע בן אביה, דראַמע	1.25
" אונבעקאַנטער. דראַמע	1.25
" גאָט, מענש און טײוועל, דראַמע	1.25
" געבּרידער לוריא, לעבענסבילד	1.25
" דוד'ל משורר, דראַמע	1.—
" דבורה'לע מיוחסת, לעבענסבילד	1.25
" דער װילדער מענש, דראַמע	1.—
" חאַשע די יתומה "	1.50

גאָרדין יוד. קעניג ליר, דראַמע
" דער מטורף "
" מירעלע אפרת, לעבענסבילד
" סאַפאָ, דראַמע
" די קרײצער סאָנאַטע "
" די שחיטה "
" די שעהנע מרים "
" דער שאַרלאַטאַן, לעבענסבילד
" די שבועה, דראַמע
געבער: טאַטע מאַמע צרות, לעבענ
דיומא א.: קין, פּיעסע
דימאָוו א.: שמע ישראל, דראַמע
האָראָוויץ מ.: בית דוד, היסט. אָפּע
הויפּטמאַן ג.: די װעבער, דראַמע
הירשפעלד מ.: דער לוטוואַק, לעב
װײטער י.: דער שטומער, דראַמ
" אין פײער "
" פאַר טאָג "
זאָלאָטאַרעווסקי: לאָזקע מאַלאָ
" אַננאַ קאַרעניניאַ, ד
" אַבאַלע אשכנזי, לעבע
" ישיבה־בחור, אָפּערעט
טער י.: די יודישע נשמה, מוזיק. דראַ
יאַקאָבי: די װײסע שקלאַפין, "
יאָזעלמאַן: מלײן־יושר, היסט. אָפּערע
לערנער י.: זשידובקא, טראַגעדיע
" אוריאל אַקאָסטאַ "
" די עוגנה "
ליבין ז.: געבראָכענע הערצער, דראַ
לאַטײנער: אשה רעה, אָפּערעטע
" בלימעלע "
" בת־שבע "
" דאס יודישע הערץ, אָפּערע
" חרבן ירושלים, היסט. "
" דער שטן אין גן־עדן, פאַלכ

דער

שאַרלאַטאַן

לעבענסבילד אין פיער אקטען

פון

י. גארדין

פערלאג
שמחה פריינד, פשעמישל
1927.

„DER SZARLATAN“
I. Gordina

Nakładem Wydawnictwa i Księgarni hebr.
SYMCHA FREUND, PRZEMYŚL
Printed in Poland.

פערזאנען.

ביינוש וואסערשטיין, א חסיד 60 יאהרע אלט

אסתר רחל, זיינע פרויא 50 יאהרע אלט.

אלישבע, זייער טאכטער א יונגעס מעדכען.

מענדעלי, זייער זאהן א יונג פרעהליך חסיד'יל.

שלומקה, ביינושים ברודער, א שטוטצער א לומפ

סימאן מוזלין, איין אלטער שטוטצער

גאלדע, א דיענסט ביא ביינוש.

מישע, איין בוכהאלטער ביא ביינוש.

ערשטער אקט.

איין געוועהנליך צימער ביי א ביינויש וואססערשטיין,
אלטמאדיש מעביל — איין עמוד מיט לעכט:

(אויפטריט אסתר רחל מיט א לעכט)

אסתר רחל: דיע לאָדען זענען צו געמאַכט, פינצטערליך שטילל, אין איך האָט קיין פּאַראיבעל ניט האָב מורא! עס איז שוין פינף טאָג אַז דער שווער זאָלל לעבען איז געשטאָרבען! אין אַז איך געה אַריין אַהער געהט מיר איבער אַ גרויל איבערן לאַב, פאָרט אַ יודענע האָט קיין פאַראיבעל ניט; אין וואָס טהוט מען טאַקע אַז דיע טהיר עפענט זיך אין דער שווער זאָלל לעבען געהט אַריין אין זאנע ווייסע תּכריכים? (מען קלאפּט) אוי וועה איז מיר! טפו זאָלל עס ווערען. אַ ווייסקייט האָט אַ סקראָבע געטהין דיע וואַנד, אין איך האָב געמיינט דער שווער קראַצט די טהיר! זאַן נשמה איז שוין געוויסס אויסגעלאַטערט געוואָרען! (נעמט פין קעשענע ראזשינקעס) אַ ביסעל ראָזשינקעס געבליבען פון צימעס, איך האָב ליעב, האָט קיין פאַראיבעל ניט זיעססע זאַכען! אָבער טאַטע פאָטער! אַלוואַי וואָלט זיך מיר בעססער געגליסט זויערס, קרוינאַלעך מאַנע, האַרציליעך מאַנע, ניט פאַר איַיך געדאַכט, ניט דאָ געדאַכט, איך האָב דאָך ניט קיין קינדער, אין מאַנער זאָלל לעבען האָט דאָך איין אַזערנעם משוגעת אין טענעט אין איין קול! אסתר רחל גיב מיר אַ זוהן! אין וויע זאָלל איך איהם נעהמען אַז גאָטט האָט קיין פּאַראיבעל ניט, גיט ניט? (עססט) געשטאָרבען דער שווער! מיר זיטצען דאָך שבעה זאָלל ער זיך מיהען פאַר אינז! ער האָט אַללעס אָבגעגעבען מאַנעם, אין געלד וויעפיל, קרוינעלעך מאַנע! אַללעס מאַנעם, אין מיין שוואָגער נעביך אַ מכּה! היגדערטער, גאַנצע הינדערטער, מאַנער זאָלל לעבען האָט פיינט צו וואַזען אָבער איך וויים, אַלוואַי אויף אַללע יודען געזאָגט געוואָרען, פון דעסטוועגען אַביטער

רחמנות אויף שלומקה שארלאטאן! ער איז מאקע א גוי. דאווענט ניט, עסט טריפות, און גאָלט די באָרד אָבער דאָך...

(איפטריט שלומקה).

שלומקה ערשיינט (אין א ווייסען קאסטיאם — זייער ערשראקען) א קלאָג איז צו מיר א ווייסע זאַך ריקט זיך, א מת גייט אין דאַן ריין אריין! געוואלד! שמע ישראל (לויפט אב):

שלומקה. יודענע האָט קיין פאַראיבעל ניט, און אַז א ווייסע זאַך ריקט זיך דאַרף מען מאכען אזוי געוואלד, צו שוטען די ראַזשינקעס און צו שרייען שמע ישראל? (הייבט אויף ראַזשינקעס) א שרעקליכער מת! שלומקה שאַרלאַטאַן (קיקט זיך ארום) ווי בעקאַנט דאָ איז מיר אַלעס, אויף דעם בענקיל האָט מיך דער אַלטער געשמיסען מיט א קאַנטשיק! דאָ אין ווינקעל געבראָכען די ביינער מיט א שטעקען, אויף דער קאנאפע געקאַטעוועט. מיט זיין לעדערנעם גאַרטעל, און דאָך! דער אַלטער איז געשטאָרבען און שלומקה שאַרלאַטאַן לעבט, ער לעבט! ער לעבט! יחי המלך! עס לעבע דער קעניג! הם! עס איז אָבער איין אונגליק מיט די היינטיגע קעניגע, זיי האָבען נעביך ווייניג ממתקים! אָה דאַרף איך געלד! די אויגען קריכען מיר פון קאָפּ, מיר ווע... הערען וואָס וועט זאָגען אינזער בעליעבטער ברודער ר' ביניש, ... בריעף איז קורץ און דייטליך. (לעזט) שלומקה, דער טאַטע איז געשטאָרבען קדיש זאָגען איז ביי דיר געוויס א שמאַטע, אָבער ירושה ווילסטו דאָך? קומס צופאָהרען! (וואנפט) קדיש! די וואַהרהייט געזאָגט וואָס פאַר אַוועקטה קען האָבען ביי דעם אַלטען חברניק דאָרט אין דער לעבעטיגער וועלט דער קדיש פון שלומקה שאַרלאַטאַן? ביזער טאַטע! די עבירה פון קדיש איז צו שווער פאַר מיר, אָבער אַטרעהר, מיין הערץ טהוט דאָך וועה ווען איך ערינער מעך אַז די לעבסט שוין ניט מעהר! די האָסט מיך ניט געלויבט, ביזט מיר געוועהן פרעמד, און דאָך אַטרעהר, ניט קיין פאַלשע געקויפטע טרעהר, אַטרעהר פון שלומקה שאַרלאַטאַן (ווישט א טרעהר) און יעדעס פאַלל וועל איך יעצט קימען צוריק קיין אדעסס מיט א פויטיקע, און דאָס ערשטע וואָס איך מיין אונבעדינגט טהון, ביים בעסטען טאַנצמייסטער נאָך עטליכע לעקציאָנען נעהמען! שלומקה שאַרלאַטאַן זאָלל ניט קענען טאַנצען א פּאָלקאַ מאַזורקאַ אַרטיסטיש? פע! א מיאוסע זאַך, די הויפטזאַכע איז נאָר, דיעזע פיגור (טאַנצט) סאַקראַמענטאַ עס געהט ניט! (פייפט א מאַזורקא און טאַנצט):

(איפטריט ביניש אכתר רחל).

ביניש, דער מת דאַנער טענצעלט גאָר א גוישע האָפּקע! אוי וועה

מיר, ניט קיין מת איז דאס, אביטערער יתום איז דאס! ער זאגט מיט דיע פיס קדיש נאכין טאטען זכרונו לברכה!

אסתר רחל. שלומקה! טפו זאלסטו ווערען, דערשראקען טאקע אויף טוידט!

ביינוש. ביזט שוין דא? ביזט גאר ניט געזעססען שבעה! זעה נאר קיין קריעה האט ער אויך ניט געריססען!

שלומקה. קריעה וועל איך רייסען ווען איך וועל הערען וואס פאר תכלית דיע האסט געמאכט פון מיין ירושה, אין שבעה אי"ה וועל איך זיטצען אין אסטראג ביזט א גיטער ברודער וועסטו זיטצען מיט מיר צוזאממען, איך געדענק נאך דעם פסוק (זינגט) „מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד" וויא גיט אין וויא זיעס ווען ברודער זיטצען צוזאממען אין אסטראג

ביינוש. זיטצען זאללען מאנע שונאים אין געהאקטע ווינדען, ניט אימזוסט ריפט מען דיך שלומקה שארלאטאן!

שלומקה. געוויס ניט אימזוסט! היינטיגע צייטען קריעגט מען אפילו קדחת אויך ניט אימזוסט, אבער דאס איז שמאטע, זאג מיר נאר טהייערער ברודער, מה יקר? וויעפיעל, וואס, אין ווען? דיע צייט איז קורץ אין קיין געלד איז ניטו, מאך עס בקיצור, א רענדיל ארויף א רענדיל אראפ, ביי א שלומקה שארלאטאן שפיעלט געלד קיין ראללע ניט, דיע ווייסט דאך!

ביינוש. אסתר רחל וואס דארפסטו דא? אהן דיר קען מען דא ניט אויסקיממען? גיעה! גיעה!

אסתר רחל. איך גיעה! וואס דען? קרוינעלעך מאנע, א מת! זאלל גאטט היטען ווען אזא מת קומט אין חלום אין גיט א קנופ, האט קיין פאראיבעל ניט! [אב]

שלומקה. (זעצט זיך: דיע פיסס פערווארפען) אדרבה לאמוך הערען דבורים!

(פעררויכט א ציגאר)

ביינוש. שלומקה! דיע ווייסט אלליין איינע פון דיע עשרת הדברות זאגט אינז „כבד את אביך" גיב אב כבוד דיין פאטער!

שלומקה. אין דיע אנדערע זאגט! „לא תגנוב" זייא ניט קיין גנב!

ביינוש. וואס טויג אינז גלאבע ווערטליך? עס איז דאך א געשעפטסזאך!

שלומקה. רעדסטו פון תורה בין איך א למדן, רעדסטו פון געשעפט בין איך א געשעפטסמאנן! אלזא כבד את אביך זאגסטו? וויעפיעל דארף איך דיר בעצאהלען פאר משה רבנ'ס עשרת הדברות!

ביינוש. דא איז דיע צואה פון אינזער טאטען זכרונו לברכה (ציינט איהם) עס איז געשריעבען אין לשון הקודש אין דיע ביזט דאך ניט קיין גרויסער בעל תנ"ך:

שלומקה. וואס דארף איך תנ"ך מיט לשון קודש? וואס שטעהט דארט מכוח אכצטעהן אינדרייצעהן?

ביינוש. געבליעבען איז האזער, געביידען, משכנות און חובות, בערך פין א 250 טויזענד רובעל, קיין מזומן איז ניט געבליעבען, זאלל איך אזוי רבש"ע..

שלומקה. קיין מזומן? און וויא איז דיא באמבע מיט הינדערטערם וואס ער ע"ה פלעגט טראגען שטענדיג אינטערן בראך גארטעל?

ביינוש. אויב עס איז געבליבען מזומן זאלל איך רבש"ע... אט אזוי וויא דיא זעהסט מעך א יודען, יא בערך פין 250 טויזענד באטרעפט עס, פין דעם קימט מיר נאך דער צוואה נאך, 200 טויזענד, און דאס איברוגע דיר! דער טאטע האט אפילו מיר געוואלט אבגעבען און גאנצען, נאר איך האב דיר ניט געוואלט קיין עוולה טהון:

שלומקה. אהן עוולה'ת, חה חה! א צדיק, אבער דאנע צדיקות שמעקט אזוי אז מען קען לעבען דיר ניט אנשטעהן אהן ארע-קאלאן, פע! (בעגיסט זיך מיט ארעקאלאן):

ביינוש. איך זעה דיא גלייבסט מיר ניט? ארבע פרעג מענשען, עה! אסתר רחל! קים נאר אהער!

(אויפטריט אסתר רחל).

זאג האט איהם דער טאטע עה"ש עפים געזאגט פין ירושה?

אסתר רחל. קרוינעלעך מאנע וואס קען זאגען איין עובר בטל? ער האט געזיפצט אין געזאגט! שלומקה, שלומקה, מיין אימגליקליך קינד...

ביינוש. זעהסט? ביזט געוועהן זיין אונגליק! (צו אסתר רחל) געה צו זיך אין אלקער דיא בהמה! מען דארף דעך דא געטהיג?

אסתר רחל. אומשטיינס געזאגט, נאך וואס דארף מען א יודענע, האט קיין פאראיבעל ניט? (אב)

ביינוש. מיט איין ווארט, דיא צואה איז געשריבען וויא עס געהער צו זיין! פרעג יעדען איינציגען, ניט נאר דא ביא אינז אין פאלאצק, אין גאנץ וויטעבסק און דענעבאג, אין רעזיצא, וועט מען דיר זאגען אז דאס געלד וואס מען גיט דיר איז א רויסגעווארפען, מען קען, מען קען שלומקה שארלאטאן, האסט דאנקען גאטט א שם אימעדים! אין חדר האסטו ניט געוואלט לערנען, אנשטאט צו געהן אין חדר פלעגסטו זיך גליטשען מיט שקצים אויפין אייז, האט מען דיך געשיקט מיט א געשעפט האסטו דאס געלד פערשפיעלט אין קארטען, איי איי קארג ביזיונות האבען מיר פין דיר געהאט? און דאך, זעה א ניטסקייט, א פינפטעל פין אזא פערמעגען!

שלומקה. אנעק נו! איך האב קיין צייט מיט דיר צו פענה'ן, א פינפטעל? לאז זיין א פינפטעל! וויעפעל איז א פינפטעל?

ביינוש. ע... 50 טויזענד רובעל!

שלומקה. ...גיב אהער 50 טויזענד רובעל אין אראָפּ פּנים מארק!

ביינוש. 50 טויזענד רובעל? האלט דיע קעשענע! וויע נעמט מען מזומן? עס איז דאָ מויערן נעם דיר א מויער!

שלומקה. אחי היקר, וואָס דאַרף איך אַ מויער? געלד! רעכען אראָפּ אַפּראָצענט!

ביינוש. עט!

שלומקה. 2 פּראָצענט, 5 פּראָצענט, 10 פּראָצענט:

ביינוש. אָה אַז דיע רעדסט וויע אַ געשעפטסמאַן איז אַנדערע ווערטער! ברידער דאַרפסט וויסען עס איז דאָ הוצאות, טויזענד רובעל כסף געגעבען דער חברה קדישא! דריַיא מאָהל אין טאָג קיממען אהער דער חזן מיט משוררים דאַווענען! הײַנט לערנען! משקה! אַ מצבה! ביזט אַ שותף צים טאַטענס געשעפט דאַרפסטו געבען האַלב הוצאות, עס איז דאָך אַמצוה!

שלומקה. יאָה האָסט רעכט, באַגראָבען אַ טאַטען איז טאַקע אַ מצוה, אָבער מיר איז נאָר אוסגעקימען אַ פינפטעל טאַטע דאַרף איך נאָר בעגראָבען אַ פינפטעל טאַטע! (פּאַפּט אין טאַנצט):

ביינוש. אוי דיע זינדיגער מענש, רשע מרושע, גאָטט זאָלל דיך ניט שטראָפען פאַר דאַנע זינדיגע רייד (רעכענט אויף פּאַפּיער) אַלזאָ הוצאות איז געװעהן איבער 5 טויזענד – לאָז זײַן וויע דיע זאָגסט, אויף דײַן חלק איז 1 טויזענד, 10 פּראָצענט אראָפּ דער פאַר וואָס איך צאָלל דיר אוים במזומן איז... פין 50 טויזענד אראָפּ 10 פּראָצענט איז דאַכט זיך 7 טויזענד, הא? וויהין קיקסטו? הער וואָס איך רעד צו דיר, איך קען דאָך נאָך חלילה אַ טעות האָבען!

שלומקה. אין אַז איך וועל קיקען אין הערען וועט מיר אַפּנים מעהר אוסקיממען? אַ טויזענדער אהער, אַ טויזענדער אהין, אָבער עפּיס וועל איך דאָך קריגען:

ביינוש. אָה דיע ווײַסער חברהניק! נאָ – קימט דיר הײַסט עס 42 טויזענד רובעל, אסתר רחל! נאַ דיר דיע שליססעל, ברענג אהער דיע שקאַטאָלקע, דיע קלענערע פין דער לינקר זײַט (וואַרפט איהר דיע שליססעל) יאָ, דיע קענסט דאָך מן הסתם אינזער באַנקיער סימאָן מאָזלין? ביזט דאָך עפּיס אין אָדעסס אויסגעקאָכט מיט אַללע! ער האָט אַ באַנק אין אָדעסס, אַ באַנק אין רינאַ, איך וועל דיר געבען אַיין אונוויַיזונג צו איהם אויף 45 טויזענד רובעל, אָה עס איז מזומן געלד:

(אויסגעהן אסתר רחל מיט דער שקאַטולקע)

אָט דאָ האָסטו דאָס גאַנצע מזומן, אוי גזלן, דיע נעמסט ביַא מיר

צו ביז אין אַ גראָשען (צעהלט . אסתר רחל קוקט נייגיעריג):

ביינוש. (צו אסתר רחל) וואָס דאַרפסטו דאָ? דיין באַבעס עסיק? אריין אין קעך אריין!

אסתר רחל. מחשבותן איך האָב מעך פערטראַכט, אַ וואַבערישער קאָפּ, האָט קיין פּאַראיבעל ניט! [אב]:

ביינוש. דאָ האָסטו 9 טויזענד רובעל כסף במזומן, אין ע... שלומה'לע! דאָ האָ.טו 2 וועקסעלעך אויף 8 טויזענד, 2 וועקסעלעך אויף זעהר אַ רייכען פּריץ פאַן יאַקשעביצקי, אַקליינינקייט זיינע מאַיאָנטיקעס מיט זיינע פעלדער! מזומן געלד, נאָ האָסטו בס"ה 50 טויזענד רובעל כסף במזומן אין מיט איינמאָהל:

שלומקה. קליינינקע 50 טויזענד, מיילע איין אונוואַזעניש צום באַקיער מוזלין, נאָ דאָס איז נאָך ביים וועג, אָבער, וועקסלען?... הערושע אוים גיטער ברודער! ציפיעל אין באָד זאָלסטו מעך נישט פיהרען ווארום איך וועל ברוגז ווערען!

ביינוש. אוי דיע גליקליכער מענש! דאָס גאַנצע פערמעגען איז דאָך ביי דיר אין קעשענע! דיר וועט נישט דאַרען דער קאָפּ אויף פאַסטרויקעס אין סטראַחייווקע, דירה געלד מאַהנען שטייערן צאָלהען!

שלומקה. הכלל נוא? וועל איך שוין אַמאָהל דערלעבען צו זעהן ביי דיר דאָס ביססעל מזומן?

ביינוש. שוין פאַרטיג! נאָ! (שלומקה ווילל געהמען: ער לאזט ניט) ע, וואַרט נאָר! צוערשט שראַב מיר איגטער אָט דאָס צעטעלע, נאָר דיין חתימה!

שלומקה. נאָר איין חתימה? איך וועל דיר געבען 1000 000, 10, אַ מיליאָן חתימות (שרייבט) שוין פאַרטיג? נוא דאַנקען גאָטט! וויעפיעל זאָגסטו איז דאָ? 9 טויזענד?

ביינוש. 9 טויזענד, מעגסט איבערצעהלען:

שלומקה. וואָסער צעהלען, ווער האָט צייט [illegible] צעהלען? האָסט אַראָפגענבט אַהינדערטער דערוואַרג דעך מיט איהם (שטיפּט אהן דיע טאַשען) וואָס איז דאָס? אַהאַ דאָס אונוואַזעניש? אַהער! וואָס איז דאָס? 2 וועקסלען? דערפין מאַך איך באַלד געלד! קויפט ביי מיר אָב דיע 2 וועקסלען, ביליג, אַ מציאה!

ביינוש. נאַרעלע איך האָב דאָך דיר אוועקגעגעבען דאָס גאַנצע מזומן, וועסט געפינען אין פּאַלאַצק אַ בעלן אויף אַזאַ מציאה!

שלומקה. געלד! איך לעב ווידער! זאָג נאָר דער אלטער שמש ישעיקה לעבט נאָך? נאַ גיב איהם צעהן רובעל. איך האָב איהם שטענדיג ליעב געהאַט דעם אַלטען סידור קלאַפּער (וואַרפט ארוב אויף דיער ערד דאס געלד) אין וויע איז מיין שוועגערין מיט איהר האָט קיין פּאַראיבעל ניט?

ביינוש. חַ חַ חַ נאָך וואָס דאַרפסטו זיע? אסתר רחל, אסתר רחל, זײַ מוחל!

(אויפטריט אסתר רחל).

שלומקה. שווערין איך ווייס אז איהר האָט ליעב האָט קײן פאַראיבעל ניט ראָזשינקעס דאָ האָט איהר 5 רובעל אויף נאַשעריא פון מײן טאַטענס ירושה! הַ הַ הַ! איך בין דאָך אצינד דער נגיר און ער איז געװען דער קבצן!

אסתר רחל. הארצעלעך מאַנע, א פינפערל? שלומקה מען זאָגט איהר זענט א שאַרלאַטאַן און דאָך האָט קײן פאַראיבעל ניט זענט איהר אזא גוטער מענש!

שלומקה. אַ וואָה מען זאָגט? קימטשעט קײן ארעסט וועט איהר זעהן וויא איך ברענן א וועלט .... ביינוש דיא זאָג קדיש! דיר לוינט זיך זאָלסט האָבען נאָך אַ פּאָר טאַטעס צו בעגראָבען, מאַכסט גלענצענדע געשעפטע—אסתר רחל קויעט ראָזשינקעס—צעהן רובעל אויף לעכט פאַר מײן טאַטענס נשמה! זאָלל זײן לעכטיג! שלומקה האָט געלד (וואַרפט געלד אויף דער ערד) דיא וועלט וועט ברענען, גאַנץ ארעסס וועט געהן מוטין קאָפּ אַראָפּ! אין גהינם וועט געהן אַ רויך! אין אללע טראַקטירען וועט דאָננערן און בליטצען, עס וועט פלאַקערן, עס וועט פלאַממען, הוררא! שלומקה שאַרלאַטאַנס טאַטע איז געשטאָרבען! הוררא! לעבען און געזונד זײן זאָללען דיא טאַטעס וואָס שטאַרבין און לאָזין איבער אַ ירושה, הוררא! מאַכט פּלאַטץ, שלומקה שאַרלאַטאַן געהט!

ביינוש. איי איי, ער וועט שוין מאַכען אַ תכלית, [אב] אַ ביטטערע עבירה.... איך האָב איהם צוועפיעל געלד געגעבען.... אהער גיב דאָס פינפערל! וועסט דאַרפען 3 קאָפּיקעס אויף אײן אכטעל ראָזשינקעס וועל איך דיר געבען (גצרויש) אהא! דער עולם קלויבט זיך שוין צו מנחה! איי, איי, איבער געצאָהלט.... ניט מיט קײן רוהיגען קאָפּ וועל איך היינט קדיש זאָגען! גיב אהער דאָס פינפערל (רייסט עס אויס):

אסתר רחל. נאַ נאַ וואָס דאַרף אַ יודענע געלד? אומשטײנס געזאָגט, וואָס איז אַ יודענע און וואָס דאַרף זיע? [אב]·

(אויפטריט נאָהר חזן משוררים).

חזן נאָהר זינגען קדיש ביז שלאָסס ביינוש דאַווענט שטיללער זיך שמנה עשרה:

(אויפטריט שלומקה מיט דיא וועקסלען).

שלומקה. גנב קרימטער ריקען! דיא האָבט מיך בגנבעט! בעשווינדעלט!

אין מאכסט מעך נאך צום נאררען אויך ? וואס איז דאס ? וויע פיעל האט דאס דיוועׂרטה ?

ביינוש. אי אי אינו—א !

שלומקה. (נאכקרימענדר) אי אי אינו א! צבועק! פאלשער מענש ! מפסיק זיין האסטו מורה אין גנבענען האסטו קיין מורה ניט ! מאך עס גיכער ווארום איך שלעפ דעך אראב בא דער באָרד אז דיע געהסט ניט אוים באלד שמנה עשרה ! — וואס איז דאס פאר א וועקסלען פרעג איך דעך ! ?

ביינוש. (געהט אוים) א חילול השם וויע איך בין א יוד א חילול השם ! אנשטאט צו זאגען קדיש :

שלומקה. דיע מאכסט גליקלעך דעם רבש"ע מיט דיין קדיש אביזר מיר וועט מען פאר דעם קדיש אין קיין רעסטוראנט ניט לאזען אפילו א זופ טהין פון א פלעשיל, איך וויל וויססען וואס איז דאס ? וואס איז דאס פאר א וועקסלען ? דיין פאן יאקשעביצקי איז דאך שוין לאנג געשטארבען, קיין 2 גראשען, וויל מען דאך מיר פאר דיע וועקסלען ניט געבען :

ביינוש. איי לאז מעך דאווענען, דיע ביזט שלומקה שארלאטאן, בייא דיר איז הפקר א וועלט, אבער איך בין איין אבל ! איך דארף זאגען קדיש פע, א חילול השם ! [אללע שרייען דאס ועלבע] :

שלומקה. איך וויים, גנבנען אין בעטריגען איז ניט קיין חילול השם ! אבער עס דארף דאך זיין א מאס ! דיע האסט ארופגענומען פין אויבען פין הינטען פין מוטטען אין זאגסט דיר רוהיג קדיש ! אין וואס וועל איך שלומקה שארלאטאן טהין אהן געלד אין אהן קדיש נאר מיט פאלשע וועקסלען ?

ביינוש. עס איז מיינע וועקסלען ? וואס וויים איך ? דער טאטע זכר צדיק לברכה האט אבגעגעבען דיין געלד דעם פאן יאקשעביצקי, געה מאהן דעם טאטען, אדער דעם פאן יאקשעביצקי, ארוים ! ארוים פין דאנען !

שלומקה. ביים טאטען זאגסטו ? גיט ! אט דא ביים עמוד שווער איך, נעבען דיע לעכט וואס ברעננען פאר מיין טאטענס נשמה אז איך וועל אבהיטען דיע וועקסלען ביז אין מיין טויט אריין ! איך וועל זייא מיטנעהמען אהין ווען איך וועל שטארבען,, איך וועל ריפען דעם טאטען פארין בית דין של מעלה, זאלל ער זאגען צו האט ער געהייסען מיר צאהלען מיט פאלשע וועקסלען ! אין אלס גאראנציע אז איך וועל עס טהין, לעג איך איין בייא דיר... דיע ביזטאך א בטוח אין או איך וועל דארט געווינען וועסטו מיר מן הסתם אבגעבען, לעג איך איין בייא דיר צוויא פיערדיגע פעטש ! (עם געשיהט)

(אללע מרבעלן) :

פאר האנג.

צווייטער אַקט.

בּיא בּיינישען אין קאנטאר — שרייבטיש מיט קאנטארביכער — פּאפּיערען — רעכטס אונד לינקס שטיהלען מיט טישליך:

מענדעלע. (שטעהט אויף א בּענקיל: קיקט ארויס אין דרויסען) אוי 2 האָהנען שלאָגען זיך . . . אַט אַזוי דיק איהם! אוי, זייא דיבּענען וויא כּהנים . . . אַ — אַ — אַ — אַ — יְבָרֶכְךָ. קוקוריקאָ! (געוויש) אוי מען געהט! (זעצט זיך צו דער גמרא) „אָדם קָרוֹב לְעַצמוֹ וְלֹא אֵצֶל אִשׁתּוֹ וְלֹא אֵצֶל מָמוֹנוֹ" אַ מענש איז אַ קָרוב צו זיך אַליין און איז אָבער ניט קיין קָרוב צו זיין ווייב און צו זיין געלד! (קיקט זיך ארים) קיינער ניטאָ? (שלעפּט ארויס א ביכעל) וויא האַלט איך דאָ? אוי שרעקליבע מַעשה'ס דאָ אין ביכעל! נעכטין האָב איך מורא געהאַט צו שלאָפען, גייסטער זענען צו מיר געקראָכען אַ גאַנצע נאַכט, און שדים מיט בַּת מַלכּה"ס האָבען זיך מיר געפּלאָנטעט אין חָלום (לעזט) וַיִקַח האָט גענעממען דער גייסט און האָט איהם געטראָגען וואַלד אַיין וואַלד אויס, איבּער יַמים און איבּער בערג, און האָט איהם געבראַכט צום קעניג אין זיין קרושטאַלענעם פּאַלאַץ! וַיְדַבֵּר — האָט גערעדט דער קעניג און האָט געזאָגט לֵאמֹר, אַזוי צו זאָגען! האָסטו מיר געבראַכט דיא שעהנע בַּת מַלכָּה פון שבאָ? האָסטו מיר געבראַכט תְּחִית הַמֵתִים וואַססער פּינים טאַך פּישון וואָס רינט אין גן עֵדֶן? האָט געענפערט דער שוואַרצער גייסט און האָט געזאָגט לֵאמֹר אַזוי צו זאָגען! אֲדוֹני קעניג — שענק מיר מיין לעבען (געוויש) יאָ, וְלֹא אֵצֶל אִשׁתּוֹ וְלֹא אֵצֶל מָמוֹנוֹ . . . .

(אריינטריט גאָלדע מיט א טיכעל לייקעך).

גאָלדע. ביזט שוין דאָ ווִהַנוֹניאָ?

מענדעלע. גאָלדע געה אין דער ערד אריין! האָסט מיך איבּער געשראָקען אויף טויט!

גאלדע. דיא מאמע האט געשיקט דעם זיהגונא לעקיך, נעם וויש אפ דאס נעזעלע אין קיא! (ווישט איהם דיא נאז מיט איהר פארטיך):

מענדעלע. גאלדע געה מיר אין דער ערד אריין!

גאלדע. אין וויא איז מישע? נישטו מישע? מענדעלע וויא איז מישע? מישע אצט גאר ניט אין קאנטאר? (פארעט איהם) מענדעלע!

מענדעלע. איי לאז מעך צוריה! (לעזט) ויהי היום — איז געווען א טאג אין דיא שעהנע בת מלכה פין שבא האט גענעממען איהר פערצוויבערטען וואנשפינגעריל אין האט געזאגט לאמר אזוי צו זאגען...

גאלדע. בייא אונז איז אללע וויילע לאמר אזוי צו זאגען. דיא אלטע בעלהביתטע זאגט געה זעה וואס טהיט מיין בן יחידל מענדעלע? טהיט איהם ניט וועה דאס קעפאלע חלילה איהם ניט דאס הערצעלע? שמערצט איהם ניט דאס באכאלע? אדער באסט איהם ניט אינטערן נעזעלע? טראג איהם אוועק א קיכעלע, ברענג איהם א זעמאלע, גיב איהם איין אייערבייגעלע, אזוי זאגט דיא אלטע בעלביתטע! אין דיא יונגע בעלביתטע אלשבע זאל לעבען זאגט אויך „לאמור" אזוי צו זאגען! געה צו מישען, זאג מישען, גיב א קיק אויף מישען, טראג אוועק א צעטעלע מישען, ברענג א בריוועלע מישען, מענדעלע, וויא איז מישע?

מענדעלע. (לעזט) פתע פתאום — פליצום האט זיך צושפאלטען דיא ערד אין דער שרעקליכער אשמדאי אין א בארד מיט קאפיטעס פין א באק איז צוגעלאפען!

גאלדע. איז צוגעלאפען אין האט בייא מענדעלען אויסגעבאפט דעם לעקיך (כאפט אום — ליי?):

מענדעלע. (לויפט איהר נאך) גיב אפ דעם לעקיך ברים טפררים (לויפען ביידע):

(אויפטריט אסתר רחל):

אסתר רחל. הארצעלעך מיינע! וואס דארפסטו רייצען דאס קינד? גיב אפ! גיב אפ! (נעמט בייא איהר צו דעם לעקיך. לעגט אויפן טיש) מענדעלע לויף ניט ארים, פין לויפען שוויצט מען, אין פין שוויצען האט קיין פאראיבעל ניט, קימט קאטער! אוי עס בלאזט, אין דרויבען איז אזא קעלט דיא זשאפערעס פערגעהן אוש, זיהגונא! נא דיר א ראזשינקע!

גאלדע. וואס צוטטערט איהר אזוי איבער איהם? וואס פעסטעט איהר איהם (קרימט זיך נאך) זיהגונא! זיהגונא!

מענדעלע. (מיט אגמרא ניגון) גאלדע, געה אין דער ערד אריין

אסתר רחל. קרוינעלעך מיינע! ער איז מיר עפים גרונג אונגעקוממען? מחשבותין, וויפיעל איז פון אז איך האב — האט קיין

פאַראיבעל ניט, חתונה געהאַט?

גאלדע. אָט האָט זיע זיך דערמאַנט!

אסתר רחל. אינזער חופּה איז געוועהן פאַר דער צווייטער חאָלעריע, אין פין דער חאָלעריע ביז אין שווערם טויט איז אַוועק צעהן יאָהר, אין ניט געקינדעלט נאָך דעם איז אַוועק נאָך 8 יאָהר, מיינער זאָל לעבען האָט אַזוי געוואָללט, האָט קיין פאַראיבעל ניט, אַ זיהן אַז איך האָב געמיינט ער ועט מעך געטין, אַללע רפואות, אַללע באָבקעס, אַללע סגולות, עט.... געוועהן בּאַ אַ טאָטער, בּאַ אַ גיטען יודען, בּאַ אַ בעל שם, וויע אַ טויטען באַנקעס! פליצום מאַמעלעך מיינע, אַליין, פין זיך, האָט קיין פאַראיבעל ניט, איך פיהל אַ קינד, מאַנער זאָלל לעבען זאָגט מיר, אסתר רחל דאָס מיז זיין אַ יונגעל! גאָטט אָבער האָט קיין פאַראיבעל ניט האָט מיר אָפּגעטהון אויף טערקיש אין האָט מיר דווקא געגעבען אַ טאָכטער! דאָס איז מיין אַלשבע זאָלל לעבען מיין בת יחידקע, מיינער זאָלל לעבען איז געוועהן אַזוי בעז אַז ער האָט אויף אַלשבע׳ם בריתיצע דער קינפּעטורען אפילו קיין מז״ט ניט געזאָגט, אָבער אַזוי וויע אינזער מיטטער חנה האָט קיין פאַראיבעל ניט, האָב איך מיט מיינע שטיללע טרעהרען אויסגעבעטען אַ זיהנדעלע אַ תּכשיטיל, אַ זיעם מענדעלע, אוי זיהנוּנאָ (קישט איהם):

גאלדע. (קריטט זיך נאך) זיהנונאָ! תכשיטיל, איך וועל איהם געבען האָט קיין פאַראיבעל ניט אַ קיש! (געשיהט):

מענדעלע. (מיטין ניגון) קיש מעך היינט קיש מעך מאָרגען, ווער דערשטיקט אין ווער דערוואָרגען!

אסתר רחל. קרוינעלעך מיינע! וויע דיע צייט פליהט האָט קיין פאַראיבעל ניט, עס איז דאָך שוין 20 יאָהר אַז דער שווער זאָלל לעבען איז געשטאָרבען! אוי וואָס דאָ האָט זיך אָבגעטהין, דיין פעטער, דעם טאַטענס אַ לאַבליבער ברידער ער האָט געאַרבייט מעשים שלומקה שאַרלאַטאַן!

מענדעלע. איך האָב אַזוי פיעל געהערט פין איהם אוי וואָלט איך איהם געוואָלט זעהן!

אסתר רחל. חלילה, יודישקייט, פרימקייט, געלד, עולם הבּא אַלסדינג איז בּייא איהם געוועהן אַ טפוי! עס איז שוין איבער 20 יאָהר אַז ער איז אַזוי וויע אין וואַססער אַריין!

מענדעלע. (קיקט אין פענצטער) אוי מישע געהט! דיע הערסט גאָלדע! מישע געהט!

(אויפטריט מישע מיט אַ טעלעגראַממע).

מישע. אַ טעלעגראַממע! דער בעלבית פאָהרט!

מענדעלע. אוי דער טאטע פאָהרט!

אסתר רחל. מײַן אַלטער קומט?

גאלדע. דער בעל־הבית פאָהרט!

מישע. איך ווײס ניט צו פֿין פראָסט אָדער פֿין דער בשורה. וואַרפט עס מעך ווי א קדחות. מענדעלע חזר איבער די גמרא! בעל־הביתטע הײסט אָפּקעהרען דעם שנײ פֿין די טרעפּ, גאָלדע שײַער אויס דעם סאַמאָוואַר (זיכט אויפגערעגט) אוי וועה מיר ווי זענען די בלאַנקען? די בלאַנקען

גאלדע. אָט ליגען זײ דאָך פֿאַר דײַנע אויגען!

מישע. טפֿוי! זײ ליגען דאָ און איך זיך זײ! איך מוז לויפֿען... אוי איך האָב פֿאַרגעססען, ווי איז דער קאַנטאָר בוך? דער קאַנטאָר.... איך מוז לויפֿען, איך קום באַלד [אב]:

אסתר רחל. קרוינעלעך מײַנע, מיר וועלען שוין האָבען, ווען ער קומט פֿין ריגאָ איז ער ניט פֿאַר אײַך געדאַכט משוגע: דאָס מעבעל שטעהט ניט אויף אײן אָהרט: די געקעכצען שמעקען איהם ניט אַזוי — דער באַנקיער זײַנער, ווי ריפֿט מען איהם?.... העדר פּאָקען:

גאלדע. מאָזלען, האָט קײן פֿאַראיבעל ניט, פּאָקען איז ניט מאָזלען און מאָזלען איז ניט פּאָקען!

אסתר רחל. אַז פּאָקען און מאָזלען זאָלל ער דאָרט דער אַלטער בעל עבירה׳ניק! ער מאַכט מײַנעם משוגע מיט זײַן ריגער שמאַרשטיק! קרוינעלעך מײַנע וואָס שטעהן מיר? [לויפֿט אב]:

גאלדע. אוי אַז גאָטט שיקט צו אַזאַ מענדעלע, קען מען טאַקע ווערען אַ האָט קײן פֿאַראיבעל ניט... [אב]:

מענדעלע. אַז דער טאַטע איז ניטאָ זענען אַללע פֿרעהליך, און אַז ער קומט פֿאַללט אויף אַללע אַ מורה שחורה, מיר האָבען אַזוי מורא פֿאַרין טאַטען ווי פֿאַר אַ שד (לערנט) אָדם קרוב לעצמו....

(אויפטריט שלומקה מיט צעררױסענע קליידער — בעוואַקסען א — גרוי בערדיל).

שלומקה. (ציטערט — שאַרט מיט די פֿיסס — ליפטעט דעם האט) אַ שעהנעם, אַ פֿײַנעם, אַ גוטען מאָרגען מײַן יונגער בראַווער העדר (ציטערט) בררררררר, עס איז לופֿטיג, און מײַן סויבעל מאַנטעל איז נעביך פֿערקיהלט! זיצט, איך בין ניט קײן באַראָן און ניט קײן גראַף, איך בין פּשוט אַ מענש וואָס איז דורכגעגאַנגען דורך פֿײַער און דורך וואַססער, דורך ווינד און דורך רויך, בין געזעסען אויפֿין פֿערד, נעריטטען אויף אַ שטעקין, געשווימען אויף אַ בעזעם, אַללעס געזעהן, אַללעס געהערט! בררררר קען איך די עהרע האָבען צו רײדען מוטין בעריהמטען העררן ר׳ בײניש וואַססערשטײַן?

מענדעלע. מיין טאַטע איז ניטאָ אין דער היים און ער האָט פיינט צו רעדען!

שלומקה. אַ אָ זאָ האָבע איך דיע עהרע צו זעהן אַ קליין וואַססערשטיינדעל? חַ חַ הַ פרייעט מיך זעהר! (דראמאטיש) איך האָב געגלויבט דער הימעל וועט שטירצען צו דער ערד, איך האָב געגלויבט אַז ציטראָנען וועלען וואַקסען אויף אַ באָרבעזעם, אָבער דאָס,.... דאָס דיעזעס קאָן געגלויבט ווערדען מעכטען זאָללטען זיין, הַ הַ הַ, עס איז טאַקע וויע מען זאָגט אַ וועלט מיט קליינע וועלטעלעך, קליינע וועלטעלעך מיט גרויסע צרה'לעך, גרויסע צרה'לעך מיט פיעל קבצנימלעך, הַ הַ הַ (נעמט דעם לעקיך פונים טיש):

מענדעלע. ס'איז מיין לעקיך!

שלומקה. דיע זיעססעסטע זאַך איז אַביסעל ביטטערס, אָבער ווען דאָס הערץ ציהט און קיין ביטטערס איז ניטאָ, מיז זיעס אויך ביטטער זיין, און אָפשר, האַ? איין גלעזעלע, נאָר איין גלעזעלע צו דערוואַרמען דיע ביינער (מענדעלע שאקעלט — ניין) ניטאָ? מן הסתם ניט באַשערט! (עססט) לחיים ר' חַיים, ניטאָ בראָנפען טרונק מים! עסס מכות מיט ראַקעס און זינג וחלקלקות! וואָס קיקט איהר אויף מיר וויע אַ נעביבעל? איהר ווילט וועל איך אייך באַלד מאַכען אַ קינץ, זעהט!.... אַללעס געזעהן, אַללעס געהערט!

מענדעלע. אוי וויע אַזוי מאַכט איהר דאָס? איהר זענט אַ שוואַרצער קינצענמאַכער?

שלומקה. איך וועל אייך באַלד צייגען אַ קינץ פון קינצענלאַנד! איהר קענט געהן אויפין קאָפּ? זעהט! (שטעללט זיך אויפין קאפף פאללט) ניט געראָטען, וויע זאָגט דער דייטש! עס שטעכט אין דיע זייטען (וועצט זיך) שאַט ניט, איך פאַלל צום ערשטען מאָהל, פריהער אַז איך פלעג פאַללען, האָט מיין מיהמע געפיהלט דעם זעץ און מיינע אויגען האָבען געזעהן, אַצינד פיהלט שוין ניט מיין מיהמע און איך פאַלל מיט צו געמאַכטע אויגען! עס איז אַ פערגניגען צו פאַללען מיט צו געמאַכטע אויגען, דיע זעהסט ניט, דיע ווייסט ניט צו פליהסטו אַרויף צו פאַללסטו אַראָפּ.... קינד! קינד! אַמאָהל האָב איך אויך געפיהלט, איך בין געוועהן פרייא וויע אַ פויגעל, האָב געהאַט גיטע טעג אין מיין לעבען, האָב געהאַט געלד, פערגנועגען, געלעבט (שרייט) געלעבט, געליעבט און געלאַכט! אַללעס געזעהן! אַללעס געהערט! בין געוועהן אין מאָסקווא, פעטערסבאָרג, וויען, לאָנדאָן! בין געוועהן אַ פלאַקער אַ טהיער, אַ ליעפעראַנט, אַ דירעקטאָר פון אַ יודישעס טהעאַטער, איין אַקטיאָר, אַ טיפלער, אַ שטיוועלפוצער, אַטעללערלעקער, ארעסטויראַנטשנאָררער, און בין דאָך געבליעבען אַ שיכור מיט אַ

בעטלער ! (זינגט שטילל) בין געוועזען גרויס , היינט בין איך קליין — וואס העלפט מיין שרייען און מיין געוויין — געלד פערגניגען האב איך ניט — איך מעג שרייען ביז מארגען שלומה אני — אני שלומה (ציווינט זיך — פאללט אויפין בענקיל) !

מענדעלע . אוי דאס ליעדלע , שפיעל איך דאך אויף מיין פידעלע :

שלומקה . (האפט זיך אויף) חַ חַ (טראטאטאם) טררר (שלעפט מענדילין מיט זיך) :

מענדעלע . אוי אוי לאזט מעך אפ ! מיין מאמע זאגט אז מיר האבען א פעטטער פינקט אזא משוגענער וויא איהר , שלומקה שארלאטאן הייסט ער !

שלומקה . און איך קען זיין האב אזא זיהן פינקט וויע דיא ! ניין , לעבט ער איז ער פיעל עלטער פון דיר .... אשעהנער טאטע בין איך ! אה עס איז געוועהן אגאלדענע צייט , איך האב געהאט פאללע טאשען מיט געלד , איך האב און ארעסס געברענט א וועלט ! דער ערשטער גאסט אין אללע קאפעע שאנטאנען , דער גענעראל פון אללע טראקטירען , דער גרעסטער מחותן אין יודישען טהעאטער , זייא האבען מעך געריפען דער געלדיאלד און האבען מעך געמאכט פאר א דירעקטאר , און טאקע באלד האבען זייא מעך געמאכט פאר א שמאטע און האבען מעך געטרעטען מיט דיע פיסס .... חַ הַ חַ , איך האב שוין ראללען אויך געשפיעלט ! א העלד , א פאטער , איין אלטען שטורמאק (אימיטיערט איין אלטין שוישפילער) הכּל הָיָה , אֵין כָּל חָדָשׁ תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ , אללעס איז שוין דא געוועזען ! (גערידהרט) און א קליין פויליש שטעדטעל האב איך זיע בעגעגענט , שעהן — אונשולדיג , נאיוו — איך האב איהר אנגערעדט צו ווערען א יודישע אקטריצע , זיע איז אוועק מיט אינז און פערלאזט איין אלטע קראנקע מאמע ...

מענדעלע . אוי איז דאס א שעהנע מַעֲשֶׂה , נוא , ?

שלומקה . נוא ? נוא נוא ! פון אזאלכע שעהנע מַעֲשֶׂה'ס קומט ארויס .... מיט איין ווארט , אין לאנדאן האט זיע מיר געהאט א זיהן א בריליאנט , און איך געוועהנליך איך בין געוועהן א שארלאטאן ! 20 יאהר איז פארבייא , און דאס קינד איז פארבאקען בייא מיר אין הערצען !

(אויפטריט מישע זעצט זיך ביים שרייבטיש)

שלומה . אָ אָ ווער איז דאס ? (שטעהט אויף : נעגט זיך) האבע דיע עהרע ! איהר זענט געוויסס איינער פון הערר וואססערשטיינס מענשען ? איך בין געקומען מיט א געשעפט ! אה איך בין א גרויסער געשעפטסמאנן ! (זינגט) וואס טויגען מיר געשעפטען — געשעפט איך בין אלליין ! (מיר אזא יאהר) :

מישע. אַ מיר אַ יאָהר גאָר? אַ שעהנער געשעפטסמאַנן! הערר געשעפטסמאַנן! אינזער בעה"ב וועט באַלד קוממען, אָבער ווייסט אַז ער קומט פון וועג איז ער ניט גוט אויפגעלעגט!

שלומה. אזוי? ניט אויפגעלעגט? נאַ וואָס קען איך דאָ אונוועלען? (צו מענדילין) יונגער מאַנן גיט מיר אַפּיטאַקעל טאַנץ איך 3 מאָהל אויף איין פיסס פון דאַנען ביז צו דער וואַנד!

מענדעלע. אויף איין פיסס? אַנוא לאָמיך זעהן, אָט האָט איהר אַפּיטאַקעל! אָבער ניט ביטען דיא פיסס — אוי מישע איז דאָס אַ קינצענמאַכער, אַמפּלה זאָלל אויף איהם קוממען (שלומה טאַנצט איינמאָהל ארויף):

מישע. (פיר זיך) טאַנצען אויף איין פיסס פאַר אַפּיטאַקעל? ווער טהוט עס דען ניט היינטיגע ציטען? טאַנץ איך דען ניט פאַר עטליכע גראָשען פון וואַסערשטיינס וואַנד ביז צו דער טיהר? מען מיז טאַנצען ווען מען האָט ניט וואָס צו עסען! הערר געשעפטסמאַנן! מענדעלע! איך בעט איך, איהר שטערט מיר ביידע צו דער ארבייט (שרייבט):

שלומה. ש. ש... פיאַנאָ פיאַניסימאָ (טאַנצט אראַפּ 2 מאָהל אין באָט א פיסס):

מענדעלע. ע ע געביטען אַ פיסס! נאָך אַמאָהל פון אונהייב!

שלומה. נאָך אַמאָהל, איך נעם ניט קיין געלד אומזיסט! האָפּ! האָפּ!

מישע. (בעז) אייער האָפּ האָפּ וועט מען היינט פינים זינגען ארופפיהרען (עפענט דיא טהיר) געהט ארויס פון דיינען! (שלומה וויל געהן) ניין ניין! איך האָב אין מיינעם לעבען קיינעם ניט געטריבען, קיין מענשען נישט בעליידיגט, אָבער אייך... איך בעט אייך! ווילט איהר מען דען ברענגען דערצו איך זאָלל ווייגען? אינזער בעה"ב מאַכט ניט קיין שפּאַסס ווען ער קומט פינים וועג! גוטער מענש זעצט אייך אין אַ זייט שטילל, פאַר וואָס זאָלט איהר מיר שלעכטס טהון? (זעצט זיך צוריק):

שלומה. איך זאָלל אייך שלעכטס טהון? זאָלל מען אַ דינגער דערשלאָגען. ש. ש... איך געה. אַפּיטאַקעל האָב איך אין שפּעטער וועל איך במחילה קוממען מכוח געשעפט [וויל אבן.

מישע. איהר זענט געוויסס הינגעריג? אין היינט איז אַזוי קאַלט, אוב איהר וועט ניט בעז ווערען אויף מיר וועל איך אייך עטוואס... פיעל קען איך ניט, איך בין אַלליין אויך ניט פון דיא גרויסע גבירים, אָבער, ... (מיט איהם א מינצע):

שלומה. איך נעמם, איך דאַנק, איך געה אין קומם באַלד צוריק! (צו מישען) יונגער מאַנן מיין האַנד, (מענדעלי נעמט צו מישעס פאַלטאָן. ער בעמערקט דאס) אָה איך נעמם ווען מען גיט, אָבער גנבנען? אַללעס געזעהן, אַללעס געהערט, אַללעס אין דער וועלט געטהין.

נאר ניט גנבנען ! (נייגט זיך) ארעוואר ! צום ווידערשפעניגען ! רעכטסאום — שאגאם מארש ! (טראטאטאטאם) טראטא . . .

מענדעלע . (אימיטיערט איהם) טראטא . . . שאגאם מארש טראטא : [אב

מישע . מענדעלע האסט פארגעססען ווער עס דארף באלד קיממען ?

מענדעלע . אוי דער טאטע ! (זעצט זיך צו דער גמרא) מישע וויע געפעללט דיר דער לץ ! א פרעהליכער יונג !

מישע . א פרעהליכער ? ניין מענדעלע איין אונגלליקליכער איז ער ! דיע לאכסט פין זיינע משוגענע שטיק אין מיר טהיט וועה דאס הערץ אויף איהם קיקענדיג ! איך ווייס ניט בייא מיר איז אזא הערץ . . . . מיר דאכט זיך אוים אז איך הער אין יעדען קלאנג פין זיין געלעכטער א טאן פין א צעררייססענער סטרונע , אין זיין יעדען פרעהליכען געשרייא א זיפץ פין א צערבראכענעם הערצען ! יאה מענדעלע ! עס איז דא אין מענשענס לעבען אזעלכע טהאנע וועלכע מען קען נישט הערען מיט דיע אויערן , מען דארף זייא פיהלען מיטין הערצען !

מענדעלע . מיטין הערצען ? (גערויש) לא אצל אשתו ולא אצל ממונו ,

(אויפטרים גאלדע.)

גאלדע . מענדעלע ! דיע מאמע האט דיר געהייסען אונטהין דעם שבת׳דיגען קאפעליטש (געשיהט צו מישען) א בריעלע פין אלישבע !

מישע . (ליעזט) גיטער מישע ! ער קימט ! וואס וועט איצט זיין ? וואס דענקט איהר ? (שרייבט) ער קימט אין איך דענק פין איין זאך , גאט אין הימעל ! נאך וואס לעבען דיע אונגליקליכע אויף דער וועלט ? (גיט עם גאלדין פארזיכטיג) :

גאלדע . אט אזוי טראג איך זיך ארים א גאנצען טאג ! דאס מיט איהר פאטשט , דאס מיט זיין פאטשט , געווארען גאלדע דיע פאטשטארקע אין גאר ניט ! [אב] :

מישע . עס איז זעהר שווער ווען דיע יונגע יאהרען געהן אוועק אהן פרייד אהן גליק אין אהן א גיטע האפפנונג ! מען לעבט וויע אין א פינצטערן גריעב ! אוי היינט טהיט מיר מעהר וועה דאס הערץ וויע תמיד !

מענדעלע . ולא אצל אשתו אין איז ניט קיין קרוב צו זיין ווייב . . . . איך מיין אז אלישבע זאלל חתונה האבען מיט מישען וואלט ער יאה געוועהן מיט איהר א קרוב , איאה ער ווייגט ? זאלל נאר אלישבע אריין קיממען לאכט ער באלד , ש . ש . . . (אב צו אלישבע) :

מישע . עס געהט מיר ניט ארוים פאן זיננען דער אונגליקליכער געשעפטסמאנן מיט זיינע זעלטענע געשעפטען , ווער ווייס ? עס קען זיין אז ער איז גליקליכער פין פיעלע אנדערע ! ווענינגסטענס ווייסט קיינער ניט ווען זיינע טרערען זענען אמתע אין ווען זיין

פרייד איז אַ פאַלשע (געריויש) אָה אַלישבע געהט!

(אויפטריט אלישבע):

אלישבע. מישע איך האָב דעך געוואָלט פרעגען.... י ע.... נייִן איך האָב אייך געוואָלט פרעגען, איהר ווייסט געוויסס אַז מיין פאַטער קומט באַלד?

מישע. יאָה ר' ביינוש קומט באַלד, אָט איז אַ טעלעגראַממע!

אלישבע. מישע! איהר האָט געוויינט?

מישע. נייִן אַלישבע! דאָס איז אַזוי.... פינים ווינד, פון דער קעלט!

אלישבע. ווען איך שרייב אייך, קען איך אַללעס זאָגען און ווען איך וויל אייך אַללעס זאָגען, קען איך אייך גאָר ניט זאָגען, פאַר וואָס איז דאָס?

מישע. איך ווייס ניט, איך פיהל אויך אַזוי! און עס ווילט זיך וויינען און עס איז אַזוי גוט!

אלישבע. מישע איהר שרייבט איהר דאַרפט ניט לעבען, אויף דער וועלט, אַזוי שרייבען קען נאָר אַ שלעכטער מענש! (וויינט):

מישע. וויינט ניט אַלישבע! אַז איך ווין איז גאָר גוט, אָבער אַז איהר וויינט.... אַלישבע! זאָלל מעך גאָטט שטראָפען אויב איך בין אַ שלעכטער, איך בין נאָר איין אונגליקליכער!

אלישבע. איהר.... איהר זענט.... נייִן איך וויל זאָגען, אַיאָה מענדעלע איז אַ גוטער?

מישע. מענדעלע איז זעהר אַ גוטער!

אלישבע. אַיאָה דאָס איז גאָר ניט וואָס ער איז אַ שטיפער!

מישע. ער זאָלל ניט שטיפען? ווער דען? און זיינע יאָהרען האָב איך שוין געמוזט אַרבייטען, פערדינען אויף ברויט, אום צו שטיטצען מיינע אַלטע באַבעניאָ!

אלישבע. איהר ווייסט איך וואָלט בעססער געוואָלט זיין אייער אַלטע באַבעניאָ ווייל.... איך וויל ניט זאָגען, מישע איהר האָט שטאַרק ליעב אייער באַבעניאָ?

מישע. וועהם האָב איך דען אויף דער וועלט אַחוץ איהר? מיינע מוטטער איז געשטאָרבען, יונג געשטאָרבען, זיא האָט מעך געבראַכט פאָן לאָנדאָן צו דער באַבעניאָ און איז אין אַ קורצע צייט אַרים געשטאָרבען! מיין פאַטער האָב איך ניט געזעהן און ניט געקענט, מיין באַבניאָ האָט מיר געאָפפערט איהר גאַנצעס לעבען, און ווען זיא וועט ניט לעבען וועל איך אויך שטאַרבען!

אלישבע. און איך מישע? אויף מיר דאַרף מען ניט רחמנות האָבען?

מישע. און איהר? אַלישבע.... געהט בעססער אַוועק, וואָרום.... איך האָב אייך ליעב!

אלישבע. אַז מישע הייסט געהן דאַרף מען געהן (געהט צור טהיר) מישע,

איך... איך האב אייך אויך ליעב!

מישע. (וויינט אויס איבערראשונג) אוי אוי גאָטטוניאָ! גאָטט....

אלישבע. איאָה מישע גאָטט וועט מעך ניט שטראָפען דערפאַר; איך זאָג עס ניט ווייל איך וויל זינדיגען, נאָר ווייל עס איז אמת, עס איז אזוי אמת ווי דיע זינן אין הימטעל, נוא זינדיג איך דערמיט?

מישע. ווען איהר אלישבע זענט א זינדיגע, וואָס זענען דיע מלאכים, לעכטיגע שטערן, אין דיע צדיקים? איהר זענט א הייליגע! אין איך.... אוי הלוואי וואָלט איך געשטאָרבען פאַר אייך!

אלישבע. זאָלל גאָטט היטען! (לאכט) מישע! איאָה דיע רעדסט וויע א קינד?

מישע. דיע, זיע זאָגט מיר „דיע" אוי וועה! עס איז אזא גליק, אזא פרייד, אז מען קען שטארבען, עס קלינגט אזוי זיעס וויע אין גן עדן זינגען מלאכים „דיע" זאָגט זיע מיר!

אלישבע. פאַר וואָס טאָר מען דיר ניט זאָגען „דיע"? ביזט דען איין אלטער זיידע?

מישע. (זיע אומטרמענד) אין פאַרוואָס זאָלל איך דיר ניט זאָגען דיע? ביזט דען איין אלטע באבעצע? (ביידע לאכען);

(אויפטריט גאלדע מענדעלע אסתר רחל).

גאָלדע. אלישבע, דער טאַטע, דער בעל־בית קומט! [לויפט אב]:

מענדעלע. אוי וועה מיר, דער טאטע קומט! (לערנט) אדם קרוב לעצמו....

אסתר רחל. ער זאָלל לעבען, איז דאָ אין א גיטער שעה מיר וועללען שוין האָבען אפינצטערן קבלת פנים (דרעהט זיך חין אין הער):

(אויפטריט ביינוש מאדערן גיקליידעט).

ביינוש. נוא וואָס מאכט איהר? האָט זיך דאָ גאָר ניט געטראָפען? מען קען זיך דען פערלאָזען אויף אזאלכע בהמות וויע איהר?

גאָלדע. בהמות? אט האָסטו דעם ערשטען ברוך הבא!

מענדעלע. שלום עליכם טאטע! אוי האָסט אונגעטוהן א דאטשע קאַפּאָטע?

גאָלדע. אין דיע פלידערן האָט קיין פאראיבעל ניט איבער דיע חאַליעוועס!

אסתר רחל. הארצעלעך מיינע, האָסט אויף דער עלטער אָפּגעשוירען דיע באָרד? אין וויע אזוי וועסטו איצט ארויסגעהן אין גייסס? גאַנץ פאָלאָצק וועט דאָך געהן חאַדאַראַם!

ביינוש. מיכה! וויעכיעל געלד מיז אריין אין דער קאססע? (צו אסתר רחל) שרעק דעך ניט, אז איך וועל דארפען דיע באָרד וועט זיע זיין!

גענוג צו לעבען וויע א יורעלע חזיר. איך וויל זיין איין אריסטאקראט ! ..... וואס נעהט מעך אהן פאלאצק? אז איך ויל אזוי, וויל אזוי דיע גאנצע וועלט .... מיכה! איך וויל פון היינט אהן זאלסטו זיטצען אין קאנטאר אהן א היטעל!

מישע. שעהן בעל הבית!

ביינוש. וואסער בעל הבית! פון היינט אהן זאלסטו מעך מעהר ניט ריעפען בעל הבית, נאר אזוי וויע אין רינא! גנעדיגער הארר:

גאלדע. גנעדיגער הארר, זאלל איך אויפשטעללען דעם סאמאוואר? ח ח ח

ביינוש. אדיענסט מערכען שטעהט דא? אדיענטט מערכען דארף שטעהן אין פערעדניע, און אז מען קלינגט דארף זיע הערייגטרעטען.... פון היינט אהן זאלל אין מיין שטיעב קיין זכר ניט זיין פון טשולענט, לאקשען, קיגעל, פערפעל צימסעם, פע! איך וויל עססען וויע אין רינא! קאמפאט! און דאס קליידעל דיינס? קיק אהן א קליידעל, פע! א שאנדע, דעם פאריק זאלסטו מיר אראבווארפען, אטשעפטשיק וועסטו ביא מיר טראגען מיט א קראנאלינע!

מישע. בעל בית.... ניין איך מיין גנעדיגער הארר, איין אונגליקליכער וויל אייך זעהן!

ביינדיז. געוויסס א שנארער, זאלל ער ווארטען אין דער קיכע!

גאלדע. אין דער קיכע! מיכה געה אין דער קיכע, ח ה ה (מישע אב):

ביינוש. מאנדעלע.... דיע הייסט שוין ניט מעהר מענדעלע, נאר אויף ראטש מאנדעלע! מען זאלל איהם אבשערען דיע פאות, און דיע יארמעלקע צום טייפעל! מען דארף איהם לערנען דייטש, פיעדעל שפיעלען זאלל איהם ניט לערנען זאליק איציק דער קלעזמער, פע, מען דארף איהם נעהמען א פראפעססאר פון דיע פאלקאוויע מוזיקאנטען! און אייערע נאמען צום שווארצען יאהר, דיע הייסט שוין ניט מעהר אלישבע, נאר וויע אין רינא, אלישבע איז.... עליזאבעט!

אלישבע. טאטעניא מעך הארט ניט וויע דיע וועסט מעך ריעפען נאר זייא גיט צו מיר!

ביינוש. און איך בין שוין ניט מעהר ביינוש, נאר בענוס! און דיע הייסט ניט מעהר אסתר רחל, נאר אויף דייטש.... ע.... אספיר ראשעל!

אסתר רחל. קרוינעלעך מיינע!

ביינוש. און דיע הייסט ניט מעהר גאלדע, נאר... גולדע!

גאלדע. וואס דען? אזוי לאנג קרענקען מיינע שונאים וויע לאנג איך וועל אנא טהייערען כשרן נאמען ניט פערבייטען

אסתר רחל. קרוינעלעך מיינע, הארצעלעך מיינע, איך האב אבער

געוויסט אז דאס ריגא וועט מיר אמאהל באקים אויספאללען
(וויינט) :

ביינוש. וואס וויינסטו בהמה? אז איך וויל אזוי דארף זיין אזוי! אין 2 וואכען ארום פונקט אויף פורים קומט אהער מיין פריינד סימאן מאזלין, און אז ער וועט דערזעהן אינזער אלישבע און זיא וועט איהם געפעללען, איהר פערשטעהט? . . . נוא איז שוין כדאי זיך צו פערדאטשען? אקלייניקייט מאזלין!

גאלדע. מיר וועללען איה"ש דעם פורים מאזלין אין פאקען!

אלישבע. טאטעניא ערלויב מיר צו געהן אין מיין צימער דער קאפ טהוט מיר וועה!

ביינוש. אקאראט יעצט ווען איך רעד צו דיר טהוט דיר וועה דער קאפ? בלייב דא און הער אויס וואס מען רעד צו דיר! זאלסט זעהן אז ביז פורים זאלסטו זיין געבילדעט וויא אללעמאמזעללען אין ריגא, ער איז א דייטש און מיר דארפען זיך אללעס פיהרען דייטשעס!

מענדעלע. טאטע איך דארף אויך זיין א דייטש?

אלישבע. וויא אזוי קען איך זיך פיהרען דייטש אז איך בין א יודיש מיידעל? וויא אזוי קען איך זיין ביז פורים געבילדעט אז איך בין ניט קיין געבילדעטע? טאטעניא! שרייב איהם בעססער א בריעף אז ער זאלל ניט קיממען, ווארום דיא וועסט נאך פון מיר האבען הרפות בושה'ס, אז איך וויים קיין זאך ניט! (וויינט) :

ביינוש. וועסט שוין וויססען, וועסט שוין וויססען, ניט געוויינט!

(אויפטריט שלומקה רייסט זיך מיט מישען בייא דער טהיר)

מענדעלע. אה את איז ער דא דער ל"ץ, ער וועט באלד מאכען אקאמעדיע!

שלומה. (שכור) הערר וואססערשטיין: האבע דיא עהרע!

ביינוש. ווער איז דאס? אוי א מהומה אויף זיין קאפ, שלומקה?!

אללע. דער פעטטער?

ביינוש. שלומקה שארלאטאן און פאלאצקי! און מיין שטיעב? וויא האסטו געוואגט! דיא!

שלומה. ווער? איך וואגט? מיין שלימזול וואגט! געוואנדערט און געוואנדערט, געוועהן פארוואגעלט, געוועהן נע-ונד און בין געקיממען אהיים! אפשר זענט איהר מיר עפיס שילדיג. איין אלטען חוב דאבט זיך וואס ניט איז....

ביינוש. אהיים?.... ער איז געקיממען, קיק איהם אהן דעם שלעפער דעם שיכור, א יוד א שיכור!

שלומה. א יוד א שיכור איז טאקע ניט שעהן! נוא און א יוד א גנב איז ניט קיין שאדע? האבוירדיגער הערר! קאן איך עטוואס קריגען פאר דיא 2 וועקסלען? און מיין יעצטיגער לאגע איז טייער

רובעל אויך געלד ! (נעמט ארויס דיע וועקסלען) 20 יאהר געהיעט !

ביינוש. שיכור ! שארלאטאן ! איך בין דיר שילדיג אויף דיע וועקסלען פארוואס ביזטו ניט געגאנגען אהין וויע דער טאטע מיט פאן יאקשעביצקי זענען ? אזא הילטײא לעבט, אבער אז אך אין וועה איז צו דײן לעבען !

שלומה. יאה אז אך אין וועה ! נאר וואס זאלל מען טהין אז ס'לעבט זיך דאך ? דאכט זיך איין אונגליקליכער, איין עללענדער, אין שטארבען גליסט זיך ניט .... וואסושע זאגסטו ? זאלל איך מאהנען דארט ? נוא גיט ! (בעהאלט זייא) גערענקושע נאך אמאהל, אויב דארט איז דא עפיס, וועל איך דארט מײן געלד אבמאהנען ! שלומקה שארלאטאן וועט זיך ניט שעהמען צו קיממען פאר'ן מלך — מלכי המלכים ! איך וועל שיקען פאליצײא נאכין טאטען, נאך פאן יאקשעביצקי, אין איך וועל דעך אויך לאזען ברענגען אהין ! .... ברידער ! גיב, איך וועל בא דיר צינעהמען דאס וואס איך האב בײא דיר מיט 20 יאהר צוריק אײנגעלעגט, אין דיע בעצאהל בעססער, נוא וויעפיעל דארף שלומקה שארלאטאן ?

ביינוש. וויע איז מײן שטעקען ? איך וועל דיר באלד ווײזען וויעפיעל דיר קימט ! (אסתר רחל. גאלדע. פערהאלטען איהם — אלישבע. מענדילי. וויינין) :

מישע. גיטער מענש ! געהט בעססער אוועק מיט גיטען פין דײנען :

שלומה. זעה ! זעה ! וויע דיע קינדער קיקען אויף מיר מיט טרעהרען אין דיע אויגען, גענזועלעך מײנע ! דאס וואס שלומקה שארלאטאן דאט פערדיענט דאס האט ער מיהר זעהט ? (צישפילדעט זיך דעם ראק) נאקעט וויע דיע מאמע האט מעך געהאט ! אין הער דאך דיע גאנצע וועלט וויע דיע קאטץ ! אלײן וויע א שטײן אין פעלד אין דאך לעבעדיג מינטער ! געפאללען אין דאך ניט געבויגען ! צעבראכען אין דאך ניט פערצווײפעלט ! מיר טהיט וועה אין איך ווײן ניט ! איך לאך חה חה חה ! גנעדיגער הערר, האבע דיע עהרע איהנען מיט צוטהײלען דאס.... פשוט נערעדט. איך לאך פין דײן באבען ! חה חה אין וואס מאכט איהר אסתר רחל ? איהר קײעט נאך ראזשינקעס ?

אסתר רחל. וואס זאלל מען מאכען ? האט קײן פאראיבעל ניט

ביינוש. ארויס פין מײן שטיעב ! דײן פיסס זאלל זיך דא ניט געפינען ארויס ! ! (וויל איהם שלאגען) :

אלישבע. שלאג איהם ניט טאטעניא, ער איז שוין אזוי אויך א דערשלאגענער !

מענדעלע. מישע זאגט ער איז איין אונגליקליכער, פארוואס זאלל מען שלאגען איין אונגליקליכען ? (מישע וויל שלומה'ן ארויספיהרען) :

שלומה. איהר דארפט אייך ניט בעמיהען, דיע טהיר צו געפינען האב

מען מעך שוין אויסגעלערנט! איך געה הערר וואססערשטיין! איהר קענט מעך טרייבען פאן אייער הויז, אבער פאן פאלאצק ארויס טרייבען קענט איהר מעך נישט! איהר קענט מעך ניט לאזען איבער אייער שוועלל, אבער געהן אין דיא הייזער קענט איהר מיר ניט פארוועהרען! איהר קענט מיר ניט אבנעמען וואס מיר קימט, אבער א נדבה בעטען וועט איהר מיר דאך ערלויבען, אין מארק! אין דיא גאססען! וועל איך זינגען, טאנצען. מאכען משוגענע שטיק, אין וועל בעטען דערפאר א שטיקעל ברויט מיט א ביסעל בראנפען! זאלל גאנץ פאלאצק וויססען שלומקה שארלאטאן איז דא! א גייסט אין שטעדטעל איך בין דא! אגדולה אויף דיין טאטען:

ביינוש. איך האב דעך אין דער ערד מיט פאלאצק איינגינים! איך האב דיא גאנצע וועלט אין דער פיאטע! דיא ווייסט ווער איך בין? איך בין ביינוש וואססערשטיין!

שלומקה. (מיט טרעהרען) ווער בין איך? איך בין.... איך בין.... איך בין איך בין איין ארעמער אונגליקליכער בעטלער, איין איבריגער מענש, איין ארויסגעווארפענער טויגעניכטס, אטראגישער קאמיקער א ניכטערנער שיכור, (זינגט וויינענד) שענקט מיר אנדבה איך בין איין ארעמאנן — שטיצט מעך אינטער ברידער יעדער וויא ער קאן — (ריכטעט זיך אויף) ביינוש! דיא האסט דיא גאנצע וועלט אין דער פיאטע אין איך האלט מיין פיאטע אין דער גא..ער וועלט! שלומקה, דיא וועלט איז גרויס אין צרות איז דא גענוג! אללעס געזעהן אללעס געהערט, שאגאם מארש, [טראטאטאטאם]...
(געהט)

(פארהאנג).

דריטער אַקט

(וואָל געגרייטע טישען. ברענענדע ליכט. שעהן פּערפּיצט . גאָלדע ברענגט עססצייג . שטעללט אוועק)

גאָלדע. פּורים ! אַ שעהן פּנים האָבען מיר אָהן אַ הָמָן טאָג און אָהן אַ פּורים קוילישׁ ! מען טאָר נישט . האָנט קומטען דאָך אַהער די מוזלין׳ס. אַלליין דער געבענדיגטער, צו דער גנעדיגער האַרר איז געפּאָהרען קיין וויטעבסק איהם מקבל פּנים זיין דערפאַר אָבער האָבען מיר היינטיגעס יאָהר איין איינענעם פּורים שפּיעל ! שלומקה . זיין מלאָכה . איהר מיינט ער געהט נישט אַהער ! איך זאָג אייך ! גנבעט זיך אַריין אין קעך און מען גיט איהם עססען און טרינקען . די קינדער געבען איהם געלד . די בעלביתטע שענקט איהם דעם בעלבית׳ס אַלטע קאַפּאָטע. האָט קיין פאַראיבעל ניט הערטושע ! שלומקה וועט זיין אַחשורוש . איך שפּיעל ושתּיס קאָמעדיע, און מענדעלע איז הָמָן און נאָך אַסאַך .

שלומקה. אז מען זינגט איז מען אַ פּורים מאַנדווינע. און איך זינג דאָך אויך איך זאָל אַזוי לעבען וויע איך זינג שעהן. עס ריפט זיך אָהן ושתּיס קאָטלעטען לאָמיך נאָר זעהן צו האָב איך ניט פאַרגעססען די קאָטלעטען :

גאָלדע. ווייבעלעך און מיידעלעך הערט נאָר מיין עצה די נוטע פאַססט נאָר אויף די מענער די שריטטע, די שמייכלען די זיטטע. גילויבט זיי ניט. אייך אָפּנאַררען ווילען זיי אויף יעדען שריטט. בעססער איז פאַר אונז ניט ליעבען. זיין אַלליין איידער מען זאָל אונז בעטריעגען. פאַלשקייט זעהן אַ קאַליקע אַ צרה, מיינ אויף אַ כפּרה. זעהט נאָר דעם מיוחס נעמט זיך איבער אַשרעק ער איז אַגאַנצער חריץ. פאַר דעם ווייב אַ פּריץ. שרייט נאָר. קאָמאַנדירט. הערט נאָר הערט. און דאָס בידנע חייבעל שווייגט נאָר וויע אַ טאַבעל. נוא נוא ליגט זיע גאַנץ טיעף אין דער ערד !

(דער פּאַר לעבט וואַבעלעך לעבט , הערט ניט די מענער ניין ,

עסט, טרונקט, פרעהליך נאר זוננט. אונ לעבט נאר פאר זיך אלליין) :

אַ בייַשפּיל נעמט אייך פון ושתי המלכה אַ שעהנהייט געוועזן אוי אַ שטראָף. פאַר איהר שעהנהייט אין טרייַע. אַ צרה אַ נייַע, הערט נאר הערט. זאָ געמיין זאָלל אַ קעניג זיין אויף גאַנצע ערד. דיע גאַנצע בושה צו פערליערען. בעפעלהט דאַן מיט איהר שאַנדע צו שטאָלציערען. דאָס קען אַ מאַנן, ער איז געוועהן אַ צרה, געטויגט אויף אַ כפּרה, מלך אחשורוש נעמט זיך איבער אַ שרעק, אַזאַ פאַסקידנע חיה. נעמט פון איהם אַ ראיה, שרייַט נאָך קאָמאַנדיערט נאָך הערט נאר הערט, אין ושתי בירנע וואַביל. געקוילעט וויע אַ טאַביל, נוא ליגט זיע גאַנץ טיעף אין דער ערד, דער פאַר לעבט א, ז, וו, ...

אויפטריט אסתר רחל אויסגעפּיצט מיט א קראנאלינע :

א. רחל. קרוינעלעך מאַנע! דיע שפּיעלסט דיך נאָך מיט דייַן פּורים שפּיעל? איך האָב מורה מייַנער זאָל לעבען זאָלל ניט משוגע ווערין אַז ער וועט קיממען מיטין גאַסט אין באַ אינז וועט ניט זייַן פּינקט וויע אין ריגאַ!

גאלדע. האָט נאר קיין מורה ניט, עס וועט בייַא אינז זייַן פּינקט וויא אין ריגא!

א. רחל. אין אחוץ דעם האָב איך הייַנט אייַנגעלאַדען אַללע מאַנע קרובים, איך וויס, אפשר פאַסט ניט? אַקלייַניגקייט אַזאַ דייַטש!

גאלדע. עס פאַסט עס פאַסט האָט קיין פאַראיבעל ניט!

(שפּייט אין ווישט דיא טעללער)

א. רחל. אין פון אייַער פּורים שפּיעל מייַנט איהר האָב איך וועהניג האַרצווייטיג? שלומקה'ס פלאַנען, געלד קאָסט אין מען קען נאָך האָבען אַשוואַרצען סוף! 5 קערבליך גיגעבען אויף קאָמעדיע קליידער, 2 קערבליך אויף בערד, דאָס וואָס מען דאַרף האָבען צו דער שפּיעל קאָסט מעהר וויא דער שפּיעל אַלליין.... קיק אָהן אונגעשלאָגען אויף מיר רייַפען וויא אויף אַפּאַסס. אין אַז איך געה וויגט זיך עס אין עס הייבט זיך! אוי קרוינעלעך מאַנע וואָס אַ יודענע דאַרף אויס שטעהן האָט מיר קיין פאַר איבעל ניט, אוי גאַזלינטע וואָס שטעהסטו? מען קימט דאָך! (געהט)

גאלדע. פּאַוואָליע וויע איהר געהט. אָט פערליערט איהר....

א. רחל. פּאַוואָליע. פּאַוואָליע. (ביידע אב)

(אויפטריט מענדעלע פארקאטשעט דיע פאלעס מיט שלומקה)

מענדעלע. חה חה איך בין געוואָרין אַרייַטש! פעטטער איהר לאַבט אויף צו בלומערשטען אין איך שטאַרב!

שלומקה. פין לאַכען שטאַרבט מען ניט. אין פין פרייד ווערט מען ניט געשוואָללען! המן. שפּיעל דיין ראָללע מיט חשק, מיט

פּיסם אין מיט אַ פּיסק וויא איך האָב דעך גע̇לערינט !

מענדעלע . (מיט א נגון) דיע יודען דיע יודין דיע דאָזיגע יודען חחח !

שלומקה . ע . ר׳ הָמָן איהר מאַכט פוילע שטיק . אַ יונגעלע אַ יונגעלע ! (שמייסט איהם)

מענדעלע . ע . ר׳ אַחַשְׁוֵרוֹשׁ איהר ווילט מעך פּיצקען (לויפן ביידע ארים) .

(אויפסטריט מישע)

מישע . שַׁשׁ .... גנעדיגער הער הָמָן אין הערר אַחַשְׁוֵרוֹשׁ איהר מאַכט צו פיעל לאַרים . וואָס מיינט איהר דאָס איז שׁוּשַׁן הַבִּירָה ? דאָ איז פּאָלאָצק . אין דאָ וואָהנט מיין בעל הבית ר׳ פּייניש . הָמָן ! זייא אַזוי גוט אין .... (זאגט איהם א סוד זעצט זיך ביים טיש)

מענדעלע . מישע ! בייא איך איז הָמָן׳ס קאָמעדיע אַקליינקייט. אין מיר דאַרפען וויע ריעפט איהר עם פעטער ? שטונדירען . רעפּעטירען , אין דער נאָך אָבפיהרען ! איך געה בלאָזט אייך ניט . אָבער אַז דעם פעטערס פּורים שפּיעל וועט דורכפאַללען זאָל אויף אייער קאָפּ פאַללען דיע עֲבֵרָה ! (אב)

מישע . נוא אין איהר זענט שוין ווידער פּורים׳דיג ?

שלומקה . איך גידענק איך האַלט וואָרט ! אָבער הייגט דאָס מאָהל פערצייהעט. דאָך יום טוב – אַללעס געהערט אַללעס געזעהן (מיט א ניגון) איך בין אַחַשְׁוֵרוֹשׁ דער קיסר . איך בין אַ מענטשעלע אַ הייסער – גיט איהם אַ מַכָּה וואָס ווייס ער .... מיין .... וואָסושע מיינע קינצען נעהמען אייך ניט ? איהר זענט איין עדעלער גוטער מענש ! (וויל קישען זיין האנד)

מישע . (לאזט ניט) ווען איהר ווילט איך זאָל לאַבען פון אייערע קינצען בעמיהט איהר אייך אימזיסט , אין ווען איהר ערניעדריגט אייך געגען מיר אַזוי . בעליידיגט איהר מעך . איך האָב אייך קיין שלעכטס געטהון פאַר וואָס ווילט איהר מעך בעליידיגען ?

שלומקה . איך אייך בעליידיגען ? זאָלל מעך גאָטט שטראָפען ! איך האָב אייך ליעב אין האָב טורה פאַר אייך ! מיר ווייזט זיך אז איהר זענט מיין יונגער טאַטע אין איך בין אייער אַלטער זוהן !

מישע . אַזאַ זוהן מיין איך איז ניט קיין גרויסע פריידע . אָבער אַזאַ טאַטע דאַרף זיין אַ גרויס אונגליק פאַר דיע קינדער !

שלומקה . וואָס איין אונגליק ? הערסטו בין איך דאָך טאַקע גערעכט (אַ חכם) ! זוהן דאָרט וויע דיע ביסט דאַוזען דיר מיט דיין שטיינר , אין טאַטע זייא מתפּלל מיט דיין נוסח ! וויע קומט אַ חזיר צו פּורים קוילישע אין שלומקה שאַרלאַטאַן צו כּבוד אָב ? אין דאָך מיין איך עס דאַרף זיין אַ גליק צו פאַללען אַז עס איז דאָ אַ מענש וועלכען דיע קענסט אומצושטען אין אָפּפען זאָגען איהר זעהט איך בין שלומה שאַרלאַטאַן אין ער האָט מעך דאָך

ליעב ווייל ער איז מיין קינד !

מישע . יאָה עס דארף זיין אגרויס גליק צו פיהלען אז דיע ביזע ניט איינער אויף דער וועלט ! פיהלען אז סיז דא א מענטש וועלכער מען קען אומארמען און זאגען : איהר ווייסט ווארים איך בין אזוי שטאלץ ? דער מאנן איז מיין פאטער ! איהר מיינט איך בין א גאר נים ? זעהט וועהמענס קינד איך בין . זעהט ווער עס איז מיין טרייעסטער פריינד . א יתום איז אזוי שווער צו לעבען אויף דער וועלט ! (ווישט זיינע טרעהרען) :

(אויפטריט מענדעלע באלד אלישבע (יום טובדיג אוים געפיצט) .

מענדעלע . פעטטער ! (זאגט איהם א סוד . ווינקט אויף מישע און אלישבען

שלזמקה . אָה איך פערשטעה ! (שטעהט אויף) איי איי חברה גנבים . און וואס וועט מען זאגען און רינא ? אללעס געזעהן — אללעס געהערט (ווינקט צו מענדעלען) שאגאם מארש (טראטאטאטאם) [ביידע אב] :

אלישבע . איהר האט מעך גערופען מישע ?

מישע . שוין ? איהר זאגט מיר שוין ניט דיע ? מיר זענען שוין פרעמדע ?

אלישבע . ניין מישע ! נאר ווען דאס הערץ טהוט וועה פיהלט מען ניט צו זאגען דיע !

מישע . נאר איהר האט א הארץ ! נוא און איין אנדערער האט קיין הארץ ניט ? נוא געוויסס וויע קומט א הארץ צונא קבצן :

אלישבע . מישע איז בעז , אוי עס איז אזוי גיט אז א טהייערער בייזערט זיך ! מישע דיע ווילסט שוין זיין א שלעכטער ?

מישע . יאָה א שלעכטער . נאר אין רינא זענען דא גיטע !

אלישבע . וואס בין איך שילדיג ? הלוואי וואלט איך געוועהן איין ארעמע און רינא וואלט בעססער ניט געוועהן בעשאפען געווארען : מיר איז גיט מיינסטו ?

מישע . דיר איז ניט גיט און איך בין משוגע ! איך בין משוגע ווייל איך ווייס אז דער אלטער דאטש פון רינא וועט באלד קיממען . און אפשר נאך היינט וועסטו ווערען זיין כלה . אוי . . . . א ניט געראכט זאללען דיע דאטשען ווערען

אלישבע . מישע ! אז גאטט הייסט שטארבען קען מען ניט לעבען ! און אז דער טאטע הייסט חתונה האבען קען מען ניט זיין פרייא ! אבער מישע . אפשר וועט גאטט נעבען און איך וועל איהם ניט געפעללען ? דיר ווייזט זיך אוים אז איך בין א קליגע . א שעהנע . ווייל דיע ביזט אגיטער און אפשר ווייל דיע ביזט ניט רייך : ער אבער איז דאך פון רינא . דיע וועסט זעהן אז איך וועל איהם ניט געפעללען . אוי גאטטוניא ! הלוואי אז ער וועט אויף מיר א קוק

טוהן זאָלל איהם ניט גוט ווערען!

מישע. עס ווערט איהם שוין גוט ווערען. וואָס מיינסטו דיע אויגען זענען איהם ארוים?

אלישבע. יאָה — אָבער וואָס בין איך שולדיג?

מישע. יאָה. גערעכט! וואָס ביזטו נעביך שולדיג? וואָס קען מען טהון. זייא גליקליך אלישבע! פארגעסס אז עס איז אמאָהל געוועהן א מישע אויף דער וועלט.... איך אָבער וועל דיך קיינמאָהל ניט פארגעססען!

אלישבע. מישע! דיא ביזטאָך א מאנסביל. דיא ביזטאָך שטארקער זאָג וואָס זאָלל איך טהון? אונ איך וועל דיך פאָלגען! אלליין ווייס איך ניט אונ קען ניט. אָבער אז דיא ווערסט מיר הייסען וועל איך געהן מיט דיר אפילו אונ דער וויטער וועלט אריין:

מישע. (פרעהליך) אוי ווען איך זאָלל האָבען געלד וואָלט איך דיך אוועקגעפיהרט וויט. וויט. אונ א שעהנער געגענד אויף א בארג! דאָרט שטעהט א וויים שטיבעלע אונ מיר זענען ביידע אלליין אונ אינז איז אזוי גוט. ניין מיר זענען ניט אלליין. מיין באבעניא איז אויך מיט אינז! איאָה דיא ווערסט ערלויבען אז מיין אלטע באבע זאָלל זיין מיט אינז?

אלישבע. נוא אונ מענדעלע זאָלל דאָ בלייבען? דיא שלעכטער מענטש! וואָס האָרט דיך אז מענדעלע וועט אויך זיין ביא אינז?

מישע. יאָה געוויסס! מענדעלע אויך! אונ מיר וועלען זיין גליקליך אונ פרייא. מיר וועללען פאר קיינעם קיין מורא ניט האָבען. מיר וועללען לערנען. ארבייטען. זינגען. לאכען! (ברייט זיך — קוועללט אהן):

אלישבע. (דאס זעלבע) אוי עס איז אזוי גוט!.... וואָס וועל איך דיך בעטען. מישע. זאָלל אינזער פעטער שלומה אויך זיין מיט אינז. סיז דאָך א בחמנות!

מישע. געוויסס וועט ער זיין מיט אינז! דאָרט וועט איהם קיינער ניט ריעפען שארלאטאן. מיר וועללען אויף איהם אכטינג געבען. ער וועט ווערען א מענטש. ער וועט ארבייטען. ניאנטשען אונ זיך שפיעלען מיט דיא קליינע קינדערליך!

אלישבע. וואָסערע קינדערליך? דאָרט איז דאָ קינדערליך?

מישע. ניין. דיא פערשטעהסט ניט! איך מיין ווען איך אונ דיא... אונ דער נאָך שפעטער... אזא פיטצונקעלע. אונ עס שטעללט ליפעלעך אונ עס וויינט. אונ איך ווייס ניט וואָס מען טהוט דערמיט אונ שרייא אלישבע. אלישבע. וויא ביזטו אלישבע?

(אויפטריט אסתר רחל (גאַכהער) געסטע־כאהר):

אסתר רחל. הארצעלעך מיינע! ער קיקט אויף אלישבע אונ שרייט

וויִע איִז אֶלִישבע ? פִּינקט וויִע מיַינער זאָלל לעבען ווערט טשוגע , שלעפּט אַרויף בּיַידע זאַקען אויף איַין פִּיסס אונ שרַייט וויִע איִז מיַין זאַק . . . . אָה זיִצט מיַינע געסט ! לאָז מען דערלאַנגען טהעע , אַנגעטאַבּץ , לעקיִך . אונ דאָרט איִנטעריִן לאַקשענבּרעט שטעהט אַפּאָלימיִסיִק הויזעַנבּלאָזען :

אלישבע , (גיִט מישען טהעע . ער וויל ניט) זעה נאָר מאַמעניאָ . מיִשע וויִל ניִט זיַין בּיַיא איִנז קיַין גאַסט . וואָס איִז . ער איִז דען ניִט קיַין איַינגענער ?

אסתר רחל , לאָז איִהם ניִט , לאָז איִהם ניִט , אוי קיִנדערליִך מיַינע !

אלישבע , מיִשע טריִנקט טהעע . אונ דאָס איִז פאַר איַיך אַנגעמאַבּץ !

מישע , איִך שעהם מעך צו עסען אָדער צו טריִנקען ווען עס איִז דאָ פרעמדע מענטשען !

אלישבע , אַז דיִע מאַמע הייסט עססען אַנגעמאַבּץ מיִז מען עססען (שטופּט איהם אונ מויל אריין) ;

אסתר רחל , קרוינעלעך מיַינע , וואָס זאָגט איִהר צו מיַין שטיִפּעריִן ?

(אויפטריט ביינִיש סימאן מוזלין)

סימאן , בּאָן סוֹמר !

ביינִיש , וואָס איִז דאָס ? היַינט דיַינע געסט ? אַ שעהנער איַינפּאַלל !

אסתר רחל , אַלץ איַיגענע ,קרוֹבים האָט קיַין פאַראיִבּעל ניִט !

סימאן , נאַ נאַ וואָריִם דען ניִכט ? פריַינדע , פערוואַנדטע אונד זאָ וויַיטער , אונד זאָ וויַיטער , מיַינע דאַממען אונד העררן בּיִטטע פאַר דיַין שטערען זיִע זיִך ניִכט :

ביינִיש , דאָס איִז מיַינע טאָכטער !

סימאן , אָ יאָה פאָרטרעפליִך ! וויִע מען זאָגט סחוֹרה אונד זאָ וויַיטער אונד זאָ וויַיטער !

ביינִיש , (צו מישע) וואָס טהיִסטו דאָ ? וואָס מיַינסטו עס איִז עפּיִס אַ גרויסער כָּבוֹד פאַר מיִר ? דאַרפסט ניִט פאַרגעססען ווער דיִע בּיִזט אונ וויִע דיִא דאַרפסט זיַין !

מישע , (ערשראקען) פערציַיהעט מיִר בּעַל הבּיִת , איִך האָבּ געמיַינט (וויל אבגעהן) :

אלישבע , מאַמעניאָ ! איִך האָבּ מיִשען איַינגעלאַדען , איִך האָבּ געמיַינט ער איִז אַזאַ מענטש וויִע אַללע מענטשען . אונ אַז דיִע הייסט איִהם געהן פערצאַפּכטו מיִר מיַין בּליט !

ביינִיש , וואָס ? מען רעד נאָך גאָר ?

סימאן , אָבּער פריַינד בּענוּם ! לאַסס עס דאָך גוּט זיַין ! יונגע לַייטע , גוּטע פריַינדע , איִבּערהויפּט אונ דיִעזע יאָהרען איִזט מען זאָ גאַוו זאַ אונשולדיג א ז וו , א ז וו , יונגער מאַנן בּיִטטע געהמען

זיא פלאַטץ ! . . . פרײלײן האָבען דיא עהרע מיך פאַרצושטעללען .
סימאָן מוזלין איהר ערגעבענסטער דיענער א. ז. וו. א. ז. וו. :

אלישבע. איך דאַנק אײך וואָס איהר פערשטעהט אז מישע איז אויך אזאַ מענטש וויא אללע מענטשען !

סימאָן. פריינד בענום ! דאַ האָסט מיר אָבער צו ווערניג פאָן דיינער טאָכטער ערצעהלט קעלק-שאָס דע מאַנעפּיק — זאַ אײנע זעלטענע שעהנהייט ! אונד וואָה וואָה ? וואָה פינדעט מען זאַ אײנע שעהנהייט ? און אײנער וויסטע וואָה עס גיבט קיין טױאַלעטער . קײנע אפּפּערעטטע . קיין צירקוס . אונד קיין קאַפּע שאַנטאַן . ניבט זאַ פריילײן ?

אלישבע. איך וויים ניט . איך בין ניט קיין געבילדעטע !

ביניש. (האפט זיך אהן ביים קאפּ) . . .

סימאָן. דעסט אַ בעססער . דיא געבילדעטע פערשטעהן צו פיעל ! אָבער בענום . . .

אסתר רחל. בײניש . מוזלין רופט דיך !

סימאָן. פריינד בענום ! דיינע טאָכטער איזט יאָה אײנע צייבערין . זיא קאָן זאַגאַר פאָן אלט יונגע מאַכען ! זאַ יונג . זאַ ענטוויקעלט . אָה מיט מיינער ערפאַהרענהייט פערשטעהט מען שאָן וויא דאָס צו שעטצען . האָבע איך רעכט פריילײן ?

אלישבע. אָפשר זענט איהר גערעכט . נאָר איך פערשטעה נישט וואָס איהר מיינט !

מישע. בעלבותטע שיקט מען נאָך עפּיס . איך שעהם מען אליין אוועק צו געהן !

אסתר רחל. חלילה ! עס פאסט ניט ! נאָ אגב אז ער איז האָט קיין פּאַראיבעל ניט אַ דאַטש ? וועט ער דיך אויפעססען ? זיטץ ! זיטץ !

סימאָן. איהרע האַנד פריילײן ! (נעמט) אָה וויר ווערדען שאָן גוטע פריינדע זיין . דען איך פערדיענע דיא אויפמערקזאַמקייט דער פרויען צו געווינען ! בענום . איך בין העכסט צופריעדען . עס וויד שאָן געהן ! מאדאם ! מיט זאַ אײנער טאָכטער קענען זיא ווירקליך שטאָלציערען ! (ביניש אין אסתר רחל בײגען זיך פערנייגען זיך אויטאמאטיש) זאַ רייצענד . זאַ אַפּעטיטליך . א. ז. וו. א. ז. וו. . . .

אסתר רחל. האָט קיין פּאַראיבעל ניט . אזוי וויא בייא אלע יודען אזוי איז בייא אינז !

ביניש. נאָ פריינד יעצט אײגענטליך צו מישע . געוויסס דאָ איז גוט ריגא . אָבער עס וועט שוין זיין ניט קשה !

סימאָן. ח ח ח. שאָן גוט ! (שטעלט אויף ארד) ביטטע פרײלײן (פיהרט זיע צו טישע) מיט זאַ אײנער נאַבבאַרין קאָן מען שאָן אַפּעטיט האָבען . צום עססען נאַטירליך !

ביניש. (שטופט אוועק מישען) פלאַטצען זיִע! (ועטצען זיך) (צו דיע איבריגע געסט) נוא זעצט איך צום טיש. אָבער עססט ניט וויִע באָריִם. דער מענטש וויִע איהר קיקט איהם אָהן האָט 12 טויזענד דעסיאַטען וואלד. איינענע וויינגערטנער און סאַדי. 4 מיעָרין און פאַבריקען און א גרויסען פּאַלאַץ אין ריגא. הייסט ניט איהם נאָר אָטאַמאַ וויעפיעל ער האָט מזומן?

אסתר רחל. (צו מישע) אוי ביזטו א מענטש! מען זעצט זיך צום טיש און מען עססט. אמאָנסבי"ל זאָל זיין צווא שעהמעדיגער (אללע זעטצען זיך צום טיש):

מישע. איהר וועט זעהן איך וועל מאַך נאָר האָט דערווארגען מיטין ביססען!

(אויפטריט שלומקה מענדעלע גאלדע).

(אין פּורים קליידער. אללע קינדען שרייענדיג):

מענדעלע. אוי פעטטער איך האָב מורא איך וועל האָבען המן'ס מפּלה:

שלומקה. שש... שאַ! (מיט פורים שפּיעל ניגון):

איך בין אחשורוש דער קיסר

איך בין א מענשעלע א הייסער

מיין מיניסטער המן דער גרויסער

מענדעלע. גיט איהם א טבה וואָס ווייס ער (אסתר רחל גיט שלומקען א גלאז וויין):

גאלדע. ש — נאַ — און וויע האָלט ושתי:

שלומקה. ש... איך האָב מיר א דירה און שיינע הכירה

א וואַבאַלע ושתי — און א גלעזעלע משקה

מענדעלע. וויל דיע קיקסט אריין אין גלאָז

האָסטו דערפאַר א רויטע נאָז פ פ פ ...

(שיסט אויס א געלעכטער מאסקע פאַללט ארוב)

ביניש. וואָס איז דאָס? מענדעלע שיינען? דיע מאַכסט עס דיע קאָמעדיע (וויל איהם שלאגען):

שימאָן. אָבער פריינד בעטם. לאָסס איהם רואַך...

שלומקה. ושתי פאַלל אריין מיט דיע קאָפּלעטען...

גאלדע. איך האָב שוין פארגעססען ע ע... זעהט נאָר דעם אלטען פון בית הקברות ע... ע ע...

(שלומקה שטארקעט זיע זיע זאל זאגען),

ושתי וועט באלד שלאָגען מיט דיר כפּרות און. (ער שלאָגט זיע) וואָס ער שלאָגט נאָר?! איך האָב אייך איך צרות מיטין פּורים שפּיעל אונייניִם (טהוט זיך אויס) אוים פּורים מאַדאָנאַ און צוריק

און קעך אַריין! [אב]:

ביניש. אַ שאַנדע! אַ בושה. בייא מיר און שטיעב!...

שלומקה. שאַ!... שטיל... אַחשורוש רעדט! (מיט ניגון)
איך בין אַחורוש — בין אַ רייכער יורש:
און וויא איז מיין ירושקה — בייא ביינישען און קישקע ח ח ח (וואַרפט ארוב דיע מאסקע) אַ וואָס מאַכסטו אַלטער, באָן בוש קעלק-שאָס? קאָמאַן וואָ פאַרטעוואָ (גיט איהם א קלאפּ מיטין שטעקען) אַהער אַלאַבע דיע אַלטער הינערפּרעססער (גיט איהם א שטאַרקען ציה):

סימאן. קעלק-שאָס דע אַהער. וועלכער סקאַנדאַל!

שלומקה. האָסט מעך ניט דערקענט! איך בין דאָך שלומקה שאַרלאַטאַן:

סימאן. אָה שלומקה? איך האָב דיך גאָר ניכט ערקאָנט. אַרמער יונגע...

ביניש. פיהרט איהם אַרויס! ריפט אַריין דעם קוטשער פיהרט איהם אַרויס!

שלומקה. אַרויספיהרען גאָר? ועמען אַרויספיהרען? ועהמען? אַחשורושן? דעם מלך פון הודו ביז כוש? פע... ביזט אַ נאַרר. היינט קען איין אַרעמאַן פרייא קוממען צו יעדען יודען און הויז און איך זעצען צום טיש (זעצט זיך) היינט איז אַ סעודה פאַר אַלע! (מישע וויל איהם אוועק נעהמען) גיטער מענטש, לאָזט מעך זיצען ביים טיש. איך וויל זיצען צווישען מענטשען (זעצט איהם בייא איין אנדערן טיש):

סימאן. נו לאָזט איהם דאָך. וואָס קאָן מען מאַכען? עס גיבט אַוואַס און יעדער פאַמיליע!

אויפטריט גאלדע (ברענגט אויף א טעללער אגעבראָטענע קאַטשקע):

גאלדע. אַ געבראָטענע קאַטשקע פינקט וויא און ריגא!

שלומקה. קאַטשקע? זעהר גוט! (וויל האפּען. זיא לאזט ניט) וואָס דאַרף איך האָבען קאַטשקע — אַ קאַטשקע און מיר אַליין אַזאַ מיר איהר....

ביניש. פיהרט איהם אַרויס וואָרים איך וועל...

מישע. גיטער מענטש! קימט מיט מיר. איהר זענט איצט אַביסעל ניט מיט אַללעמען. און עס פאַססט ניט. אַ גאַסט און הויז, און אפשר נאָך אַ שידוך... קימט!

שלומקה. מיט דיר מישע גיה איך... גערעכט! עס פאַסט ניט! (נייגט זיך) אַ רעוואַר! באָן בוש קעלק-שאָס — איך האָב מיר אַ דירה און (לאזט זיך געהן) און שוישן חברה אַ וואַבאַלע וש... וואָס האָסטו געזאָגט מישע? אַ שידוך? (קעהרט זיך אים) אָט מיט דעם אַלטען דראַגנאַטש? (גיט איהם א ריק און זייט) מוסיו.

און א סתם הילטאי ניט ?

פיטמאן . (שפרינגט אויף) נא נא פארטאסטן דיע זיך נאר ניבט . אינטער אנשטענדיג א ז ח . א ז ח :

ביניש . שיכור ! שארלאטאן ! מיט וועמען רעדסטו עס . ווא ? דיינע שיכור !

שלומקה . או איך בין שיכור דאס איז קיין נייעס ניט . אבער דיע וואלסט זיין אזא גולם דאס איז מיר יאה א חידוש ! וואס ? אט דער אלטער ראקענפרעססער . א חתן פאר אלישבע ? פע ! . . . ווילסט א חתן פרעג מיך ! ווילסט א חתן בעט מיך , איך האב א חתן ! און . . . (פירהרט צו מישען) אט דאס איז א חתן און דאס איז א כלה ! (שליסט זייערע הענד צו זאממען) און דאס איז א פאר , מיר אזא יאהר ! צוויא שטיללינקע קינדערליך . זיע שטארבט נאך איהם און ער שטארבט נאך איהר !

מענדעלע . פעטער ביזט שיכור צו משוגע ? נאך וואס דארפסטו דערציילען דעם טאטען דעם גאנצען אמת ?

ביניש . וואס ? שלומקה שארלאטאן איז דער שדכן ? מיין משרת ? מיין הויז יונג ? דיר קאן איך דאך יאה געבען פעטש אז דיע אויגען וועלען דיר ארויס ! . . .

אלישבע . (לויט גים) וועה מיר ! מישען שלאגען ? וויע קאנען זיך גאר אונטערהייבען דיע הענד צו שלאגען אזא מענטש וויע מישען וואס איז ער שולדיג ? טאטעניא ! דיע מיינסט אפשר אז מישע איז . . . מישע איז ניט וויע איין אנדערער . . .

ביניש . געה אין דרערד אויף דיין אהרט ! . . . און דיע קרבן האסט פערזאגט צו רעדען ! . . . אה איך ווייס ! . . . וויל דיע ווייסט אז זיע האט 60 טויזענד רובל נדן ?

שלומקה . און א פעטער א שיכור א שארלאטאן ?

מישע . איהר זענט גערעכט ר' ביניש ! עס מאכט זיך אז עס נעמט אב דעם שכל . און דאס קליינע מענשעלע פערגעסט זיך ווער ער איז , און איהם ווייזט זיך אויס אז אנגעגליכעס קען מעגליך זיין !

ביניש . מעגליך זיין ! ווער ביזטו ? ווער זענען דיינע עלטערן הא ?

מישע . איך בעט אייך ר' ביניש . מיינע עלטערן . . .

ביניש . (אויפגערעגט) דיין באבע דיע אלטע מכשפה . אדער דיין טאטע דיע אויסגעלאסענע פרויא וואס . . .

מישע . (אין גרעסטע וואוט) שטיל ! ! ! פלייבט שטיל ווארים איך וועל אייך דערהארגענען ! ! ! (וויל עפיס אוועקען . צו ווייזט זיך) ניין ! ניין ! איך וועל אייך גאר ניש טוהן ! איהר זענט איין עלטערער מענטש . איהר זענט אלישבע'ס טאטע . אבער בעליידיגען מיין באבעניא ? ! דער באבע זא איך בין איין ארעמאנן טאג מען מיר זאגען א כיין

מאמע איז ... יאָ ! אידר ווייסט ריכטיג . א גרויסער מענטש , א מענטש . אידר קענט בייא מיר צונעהמען דאס שטיקעל ברויט וואס איך פערדינען בייא אייך . אבער ווען אידר רעדט פון מיין מאמע דאן בין איך קיין משרת . דאן בין איך אידר זוהן . אידר קינד ! אידר נאמען איז בייא מיר טהייערער פון אייער יחוס . פון אייער בריאה . פון אייער געלד . און פון אייער גאנצער משפחה ! ! אה מאמעניא ! אומגליקליכע מאמעניא ! (פאלט איין שלופקעס קניע , ווייענד) !

שלוסקה. וואס רעדט אידר ? איין ערמע מאמע איז דאך א מענטש . און איין אומגליקליכער מענטש איז אויך א מענטש :

אלישבע. מירעלע ! מאך דערשטעט נים בעליידיגען . איך בין נים שולדיג !

מירעלע. איך בעליידיגען ? אידר וואס איינע שולד ... דאך איז מיין מאמע נים נעדישטענדיגער ווירדיגער פון אייך ! דיע אומגליקליכע שׂרה הערצבערג איז נים נערינגער ווירדיגער פון קיין פריוא און ... ! (פאללט געזעהן און הינטער גרונד רעדען שטיל)

שלוסקה. ווער מיר ! ... וואס האט ער געזאגט ? זיין מאמע איז שׂרה הערצבערג ? ... גאָטט און הימעל ! ... איך פערליער מיין פערשטאנד ... מירעלע ! ערמעס אומגליקליכעס קינד ! איך בין . איך ... בין ... ניין איין ... איך ווייס נים . איך מוז נים . ער האט קיינע ... זיין מאמע איז איין אומגליק פאר קינדער ! (ווייניט) ... איך נים האט איך וויין מיט אמהע' פרידען . ... האט איך געשמעקט . איינמאל דאס דאך פון ... שלאגט אויך א הערץ פון א מענשען ! מירעלע ! ... איך בין ... , ... !

(פאלט אין ביטטער ... צו מירעלעס פיסען :)

פארהאנג.

ענדע דריטער אקט

פיערטער אקט.

(איין פארדערציממער בייא בייניש — טישען. זעססעל. בילדער: איין אלבום אם טיש).

(אויפטריט אסתר רחל גאלדע).

אסתר רחל. פאוואליע. זעהסט ניט וויע דיע געהסט?

גאלדע. ווער הייסט אייך לויפען אויף מיר ארויף?

אסתר רחל. וויע איז אלישבע? לעבען זאלל זיע!

גאלדע. וויע איז אלישבע? לעבען זאלט איהר!

אסתר רחל. אשלאק איז מיר. איצט לאזען דיע כלה אלליין? א כלה טאר מען ניט לאזען אלליין. אונ אינזערע איז דאך האט קיין פאראיבעל ניט גאר משוגע. קרוינעלעך מיינע. זיע וועט זיך חלילה אמעשה אונטהין!

גאלדע. נוא וואס האט איהר מורא זיע וועט אויסגעחאפט ווערען? גלויבט מיר עס איז בעססער אויסגעחאפט צו ווערען פון א יונגען איידער צו געהן מיט אזא אלטען דייטש צו דער חופה האט קיין פאראיבעל ניט!

אסתר רחל. זיע איז שוין אויסגעחאפט געווארען! דער דייטש חאפט זיא דיע הויט ברענט אויף איהם. פורים געזעהן אונ ראש חודש ניסן דיע חופה. אונ 2 וואכען אללעם צוגרייטען חלהות. קיכלעך. צוקערגעבעק. מאנדעלגעבעק קאמיספרויט. עופות געבאקענע זאכען. געפרעגעלטע זאכען. געזאלצענע זאכען. זויערע זאכען. אונ האט קיין פאראיבעל ניט אנדערע זאכען! וויעדענזשע א שלאק האט מיך געטראפען? דאך דאס ערשטע קינד קרוינעלעך מיינע. ניט אזא נחת האב איך געהאפט פון מיין בת יחידקה

גאלדע. אוי א פינצטערע דאליע א ביטטערע דאליע נאר וואס וויינט איהר? דערפאר וואס איהר האט חתונה געהאט אונ האט אזלכע

וואָהלע קינדערליך? אוי! הלוואי וואָלט איך שוין תּחונה געהאַט און געהאַט קינדערליך. אוי סיז דאָך אַזוי גוט!

גאָלדע. (ווינקט) בעססער איז דאָך ווייבלעך פאר אייך:

אסתר רחל. (ווינקט) טאַקע בעססער ווייבלעך האָסט רעכט.

גאָלדע. קינדערליך אַסאַך:

אסתר רחל. אמת הלעבען עס איז גאָר ניט שלעכט:

גאָלדע. חאָטש מען האָט צרות פון זייא אויפן פּיד:

אסתר רחל. אוי וועה צרות רעד גאָר ניט:

גאָלדע. דאָך אויף דער עלטער אוי וויע גוט:

אסתר רחל. אויף דער עלטער טאַקע גוט:

בּיידע. אוי (גאַטש) וויע דערלעבט מען שוין דאָס פון די קינדערס קינדערליך אַרום זייא צו געהן וויקלען זייא און ווינדעלעך אוי וויע דאָס איז שעהן (טאַנץ אב):

(אויפטריט ביינוש סימאָן מיט גלעזער ווין):

ביינוש. ח ח ח! דיין שאַמפּאַניער ברידער האָט מיך צוקנוקט... צוקנאַקט די געהירען. אָבער די וועהסט? זיי איז און איהר אַלקעריע אויך ניטאָ!

סימאָן. איך טאָמס מיינע ברויט יעצט זעהן. איך וויל איהר זאָגען דאָס איך פערציכטע אויף איהר געלד ווייל איך ליעבע זיע. אכטע זיע, א. ז. וו.

ביינוש. אַיידים מאַנער טהייערער! געזונד אַלסטו זיין. איך זאָג דיר די ביזט איין גוידעלמאַנן א א... אַדעלמאַנן (שרייט און קוליסס) וויע איז די כּלה! לאָז מען אריין פיהרען אַלישבען:

(אויפטריט אסתר רחל אלישבע אין חופה קלייד.)

ביינוש. אָה זיע געהט! נאָך אַמאָהל מזל טוב דיר אַלישבע! און א גוטער שעה קינדערליך! אסתר רחל די ווייסט? ער זאָגט זיך אָב פינים נדן. אגרויסע זאַך בייא איהם 50 טויזענד רובּיל! אַזאַ גביר, אַזאַ עושר. אַלישבע. דיר איז יאָה בעשעהרט אַזאַ גרויס גליק. עס איז טאַקע וויע מען זאָגט און ריגא פּאַלקאָממען פאַרקרעפליך:

סימאָן. דיא מיינסט געוויסס פאַרטרעפליך? (אלע לאכען) פרייליין! זיע זינד מיינע ברויט. מיינע געליעבטע. א. ז. וו. אונד דעסטוועגען האַבע איך היער איינינע פּרעזענטע מערבערייטעט. איך וויל זיע אָבער איינך אללען איבערליעפערן. דאָס הייסט „אַנטערנאַ"! קיין ציינע דאַבייא. אונד דאַרום, ווערדע איך זיע ערווכען (ווינקט צו ביינוש):

ביינוש. קום מחותּנסטע! לאָז ער איהר דאָ וואָזען זיינע כּלה מתּנות:

אסתר רחל. זיינע כּלה מתּנות. אוי האָט מיר קיין פאַראיבּעל ניט!

[ביידע אב] !

סימאן. ועהען זיע פרייליין דא האבע איך פיר זיע בריליאנטען, רינגען, איין מעדאליאן מיט איין בילד — געפאללט עס איהנען?

אלישבע. פאר וואס זאלל עס מיר ניט געפעללען? וואס הארט מיך?

סימאן. זינד זיע דאמית צופריעדען?

אלישבע. ווען דיע טהייערע זאכען אללען קענען גליקליך מאכען א מענטשען צו וואס וואלט מען בעדארפט ליעבע אונ פריינדשאפט אויף דער וועלט?

סימאן. אֶלישבע! ליזאבעטה! ליזכען! גיב מיר דיין האנדכען! דא ליעבסט מיך דאך? ניכט פיעל. אבער איין וועהניג דאך!

אלישבע. איך מוז אייך זאגען דעם ריינעם אמת אז איך האב אייך ניט ליעב. אפילו אביסעל אויך ניט. איך וויל ניט זאגען קיין ליגען!

סימאן. יאה יאה! דיע וואהרהייט איזט טהייערער פאן ליעבע. אבער דאפיר ווערדע איך דיך ליעבען! דא ווירסט מיר שענקען דיינע האנד. דיינע הערץ. א ז וו? אך וויע אללעס הערום איהר איזט זא רייצענד. אונד דאס אללעס ווירד מיר געהערען! (ער וויל זיע אומארמען זיע לאזט ניט):

אלישבע. לאזט מעך. איהר זעהט דאך א קליינער מענטש. אונ אז איהר קוקט אויף מיר האט איהר א נארדי[illegible]ים!

סימאן. איך ווייס דא ביזט צו יונג. צו נאיוו. דא פערשטעהסט נאך גאר ניכטס! שפעטער אבער ווערדע איך שאן דאפיר זארגען דא זאלסט אללעס פערשטעהן! אונד נון מיין ווייבכען! יעצט פערלאנגע איך פאן דיר איינען קוסס. אה שפעטער ווערדע איך פאן דיר פיעל מעהר פערלאנגען. איינען קוסס. א ז וו. א ז וו:

אלישבע. איך קען אייך ניט פארוועהרען אז איהר וויללט מיר א קיש טהין!

סימאן. ניין איך וויל דא זאללסט מיר איינען קוסס געבען!

אלישבע. איך שווער אייך אז איך קען נישט! נאך וואס דארפט איהר א פאלשען קיש? דארף איך דען אייך אבנארען?... איצט אייך א קיש געבען? זאלל גאטט היטען! איך בעט אייך געהט אהין. איך וויל איצט בלייבען אלליין. איך וויל וויינען אונ קיינער זאלל מיינע טרעהרען ניט זעהן:

סימאן. גור. ניכט וויינען מיין לאכען מיין ט ט ט (קישט זיע פאן ווייטען) אבער זא איזט עס איממער מיט דיע פרויען. פאר דער האכצייט וויינען זיא אונד נאך דער האכצייט וויינען וויר! אריע מיין ליזכען. מיין שאטץ. א ז וו [אב]:

אלישבע. אויב יעדע כלה ווען מען פיהרט זיי אז דער חופה פיהלט דאס וואס איך היינט. וואס קען מען שוין פיהלען ווען מען ל[illegible]

לעבעדיגערהייט און „קבר אבֿות“ ?

(אויפטריט מישע אסתר־רחל) .

מישע . איך בין געקומען אייך אָבגעבען אייער מזל טוב און אייך וואונשען מיין לעצטען זייא געזונד !

אלישבע . מישע ! איהר פאָהרט אוועק ?

אסתר רחל . אלישבעניא איך געה איהם ברענגען לעקח [און] (זייע בײדע זעצען קוקען זיך אהן שווייגענד) :

מישע . נוא וואס קען מען רעדען און וואס קען מען זאגען ? (הייבט זיך אויף) זייט געזונד אלישבע ! זייט גליקליך ! מיר וועלען זיך שוין קיינמאָהל ניט זעהן !

אלישבע . זייט געזונד מישע ! אייך איז דאך בעססער איהר קענט אוועק פאָהרען . און איך . . . איך מוז באלד געהן צו דער חופה !

מישע . וואס זאָל מען טהון ? ניטאָ קיין גליק !

אלישבע . יאָה מישע . ניטאָ קיין גליק !

מישע . איהר וועט זיין רייך . איך וועט זיין ניט . איהר וועט מיך פאַר געססען !

אלישבע . ניין איך איז ניט . ווענינגסטענס קען קיינער אייך ניט צווינגען צו טהון דאס וואס אייער זעעלע פארטראָגט ניט . און איך מישע ! מיר הייסט א פרעמדער איך זאָל איהם קישען און איך וועל מיזען !

מישע . אמת אלישבע אייך איז אויך ניט גוט ! יאָה וואס האָב איך אייך געוואָלט בעטען ? גיט מיר אייער בילד !

אלישבע . מיין בילד ? יאָה ! (נעמט א בילד פאם אלבום) :

מישע . איין אָרימאַנן קען ניט האָבען קיין גליק . לאָז ער כאָטש האָבען דעם שאָטטען פאָן גליק . פאר אונז איז דאס שוין אויך גענוג !

אלישבע . נעמט מישע און פארגעסט ניט אז איך בין איין אונגליקליכע ! (וויינט) :

מישע . איך פארגעססען ! . . זייט געזונד !

אלישבע . מישע ! . . ווען דיא וועסט אוועקפאָהרען און איך וועל בלייבען אליין . וואס וועט זיין מיט מיר ? . . . זייא וועלען מעך דאך פיהרען צו דער חופה (פאללט אויף זיין האלדז) אך מישע ! מישע !

מישע . אונגליקליכע אָרמע אלישבע !

אלישבע . (ויך אויפכאפענד) וועה איז מיר וואס טהו איך ? געה טהייערער . אָבער ניט באשטראָפער ! זייא געזונד און גליקליך !

מישע . גליקליך ! ניין אלישבע איך וועל שוין ניט גליקליך זיין ! איין אָרימאַנן האט קיין צייט און קיין מיטטעל גליקליך צו זיין ! איך וועל ניט זיין גליקליך ווייל איך וועל שווער נערעקען פון דיא

טרעהרען דיינע. איך וועל ניט זיין גליקליך וויל איך וויים אז מען האט דעך טהייערע גיטע אלישבע בעגראבען לעבעדיגערהייט און א פינצטערען קבר! אוי ווען איך זאלל מיך אצונד נאכגעבען וואלט איך אריינגעלאפען צו זייא און וואלט זייא געפרעגט. וואס טרינקט איהר דארט? איהר טרינקט דאס בלוט פאן אינזערע וואנדרען! ווארים — רויבט איהר דיע פרייהייט אונד דאס גליק צווייא אונשולדיגע מענטשען!? אבער וואס העלפט עס? אנענדע... איך געה! גאט זאלל דיר געבען קרעפטע איבערצוטראגען דיין שווערען שיקזאל. און איך?... ניטא קיין גליק פיר אונגליקליכע...

[וויינענד אב]:

(אויפטריט בינ יש סימאן):

בינייש. וואס פאר א יונגער מאנן? וואס ווייזט זיך דיר אוים? ביי דיר שפרינגען איצט ארים יונגע לייט און דיע אויגען! מיין טאכטער?... מיין אלישבע?... דיע ווייסט פון ווערמען דיע רעדסט?

סימאן. איך וויים. איך וויים. איך בין געשעפטסמאנן. אונד ווען איך קויפע עטוואס זא וויל איך וויסען וואס דיע וואארע ווערטה איזט! מיך האט זיע ניכט געקיסטט אונד איינען פרעמדען יונגען מאנן האט זיע יאה געקיססט. דאס הייסט ניכט ארדענטליך געהאנדעלט.!

בינייש. וואס? אלישבע האט א פרעמדען יונגען מאנן געקישט? וואס א דייטש פאללט איין א משוגעת. אלישבע ווער איז דא געוועהן?

אלישבע. מישע!

בינייש. וואס? מישע איז דא געוועהן? איצט פאר דער חופה? האט ער דעך געקישט אויך?

אלישבע. ער איז געקוממען געזעגענען זיך. מיר האבען אינז צושייד אויף עביג!

בינייש. איך פרעג דעך צו ער האט דעך געקישט!

אלישבע. ניין ער האט מעך ניט געקישט איך האב איהם געקישט!

בינייש. וואס?!! (גיט איהר א פאטש):

סימאן. אבער פריינד בענום! איך וויל ניכט דא זאלסט שלאגען דיע מוטטער פאן מיינע צוקינפטיגע קינדער!

אלישבע. יאה איך האב איהם געקישט! אבער גאט איז מיין עדות אז איך האב איהם ניט געקישט אזוי וויע איהר מעך. ניין! אינזערע הערצער און אינזערע געדאנקען זענען געוועהן ריין וויע דיע הימלען אינזער גאטעס שטיהל!

בינייש. זיע רעד נאך דיע חוצפה? (וויל זיע ווידער שלאגען):

סימאן. אָבער פריינד בענוס. נור קיינע סקאנדאלען! פפוי... בעפאר זיע האָבען מיך געקיססט? אָ, ען זיע איינען אנדערן געקיססט?

אלישבע. נוא אונ איהר איידער איהר האָט מעך געקישט האָט איהר קיין אנדערע ניט געקישט?! איך בין טאקע א זינדיגע. נוא אונ איהר האָט גאָר קיינמאָהל ניט געזינדיגט?

סימאן. אפראפא. דיעזע פראגע... פארדאָן...

(אויפטריט אסתר=רחל מיט לעקיך)

אסתר רחל. לעקיך האָט קיין פאראיבעל ניט!

ביניש. לעקיך האָט קיין פאראיבעל ניט... בהמה זעה וואָס דאָ טהוט זיך! א גביר איין עושר אָהן נבן, אזא גליק. אונ זיע דיע בת חיבה דיינע. איי איי!

(אויפטריט גאלדע.)

גאלדע. וואָס טהוט זיך דאָ? דיע כלה איז ניטאָ, דער חתן ניטאָ. דיע מחותנים ניטאָ. אונ דיע מחותּניסטע האָט קיין פאראיבעל ניט!... איינינע זאָגען אז מען פאטשט זיך פארין גבן. אנדערע זאָגען מען גרענט זיך פאר דיע פעטש. וואָס זשע? אָבגעלעגט דיע חתונה אויף שבת נאָך שבועות. דער חתן זאָלל אביסעל אונטערוואקסען?

סימאן. שאָן גוט שאָן גוט. עס ווירד שאָן געהן!

(אויפטריט מענדעלע.)

מענדעלע. וואָס איז דאָס? דיע געסט ווארטען. דיע כלי זמר שווייגען! דיע אינטערפיהרערס שושקען זיך. מען לאכט פון אינז. מען זאָגט אז דער חתן איז קאליע געוואָרען!

ביניש. (רייסט איהם מיט אויער) אָ דיע שקץ! איהר האָט אייך אללע צורעד?...

סימאן. פריינד בענוס! נור קיינע סקאנדאלען, שאָן גוט! פרייליין איך פערצייהע! (נעמט זיע אונ ארים) זאָלל איהנען אויך גאָטט פערצייהען!

אלישבע. גאָטט האָט מיר שוין לאנג פערצייהעט. דען ער ווייסט מיין זינר אונ מיינע געפיהלע! (געהען–אב):

ביניש. (צו אסתר רחל) דיע זעהסט וויע מען גערט אונ ריגא? קום לאָמיר אויך אזוי געהן (נעמט איהר ארים פערקעהרט — דאָן ריכטיג — געהן — אב):

גאלדע. (צו מענדעלען) קום לאָמיר אויך געהן וויע אונ ריגא! [געשיחט — אב]:

(פערוואנדלונג .

(שעהנער גארטען בעלייכטעט — אים הינטערגרונד 4 יודען מיט א הושענא — זיך משוררים — דאנעבען גערסט דאמען און הערן . סימאן אלישבע ביינעש אסתר רחל גאלדע מענדעלע) !

(מען הערט א לערם שלומקה שלעפט אריין מישען) :

שלומקה . קום אריין וואס האסטו מורא ? וואס איז דאס ? מען לאזט גאר ניט צו דעם הינד צום פסוק ? (גערידער צווישען אללע) שא ! . . . מיך ריפט מען ניט און איך לאז מעך ניט בעטען . איך בין א מחותן און בלאז מעך ניט . מזל טוב איך ! מיט מזל זאלט איר לעבין קיק אהן ! וואס טהיסטו דא אונטערן ביידעל דיא אלטער יצמח ? . . . א הוש ! איך וויל ניט דעם שידוך איך וויל ניט דעם שידוך !

מישע . איך בין ניט שילדיג . זאלל מיך גאטט שטראפען ! ער האט מעך באגעגענט און האט מעך מיט געוואלד אהער אריין געשלעפט :

סימאן . קעל אפער ? וועלכער סקאנדאל ? !

ביינעש . איך וועל עס ניט אויסהאלטען . איך וועל עס ניט איבערטראגען . (שרייט) געוואלד ! געוואלד !

שלומקה . (נאכקרימענד) געוואלד ! און אז דיא האסט מעך באראבעוועט האב איך גאר ניט געשריגען געוואלד . שלומקה שווייגט . האסט צוגענעממען מיין געלד און איך שוויג . מאכסט חתונה דיין קינד פאר מיין געלד — איך שוויג . האסט אבער געמיינט איך וועל שווייגען ווען דיא וועסט מיט מיין געלד רייך מאבען דעם אלטען אויסגעוועפטען ראקענפרעססער ? איך בין געקומען נאך מיין געלד ! וויא איז דעם טאטענס צואה ? ווער האט זיא געשריבען ? ווער איז געוועהן דער בייא ? א א א שלומקה שארלאטאן לעבט נאך ! עם איז אפילו אביסעל צו שפעט . אבער אדוואקאטען קענען יערע סבה צוקראצען .

ביינעש . איך וועל ריך דער הארגענען ! האסט געפינען א צייט ווען צו מאהנען געלד ?

סימאן צום טייפעל ! צום קוקוק ! איך וויל ניבטם מעהר הערען !

שלומקה . קוקו קו . . . קוק אהן וויא ער מאבט פון זיך א גאנצען שלש סעודות . . . שא נאר ר׳ שמעון ! דיא מיינסט מען האט פערגעססען אז דיא האסט שוין 4 ווייבער אוועקגעשיקט און גן־עדן אריין ? און איצט ווילסטו נאך אפינפטען ראר צו דיין אלטען צופראכבעם וואגען ? זאג נאר דיא חכם מיינער ! וויעפיעל ביזטו עם אלט ? מיר דאכט זיך אז דיא ביזט נאך מיט נח׳ן און זיין תיבה געשוויסטען ? . . . א דיא הילטייא ! א יונג מיידעל האט זיך דיר פערגליסט ? און וואס וועסטו טהון מיט דיינע אללע

מעשרעסטן ? און וויא זענען דיא פערלוירענע פרייען מיט וועלכע און וויא איז דיא גראבע רימשקע קאראלינא מיט וועלכער דינ האסט 5 קינדער ? און וויא איז דיא פראנצוסקע מאסילדא וועלכע האט דיך געלערנט פראנצעזיש ארעוואאר — בען בוש — קעל קאם ? אה דיא אלטער תבה ! ווילסט בעריהרען מיט דיינע שמוטציגע הענד אזא ריינעם ענגעל וויא אלישבע ? און א מכה ווילסטו ניט ? . . . אלישבע ! איך וויל ניט דעם שידוך ! טראטא . . .

סימאן. יאה איך בין איין אהראפאישער געבילדעטער מענטש. זא האבע איך איממער געלעבט אונד זא לעבען אויך אללע געבילדעטע מענטשען ! איהר אבער זייט איין נידריגעם דוממעס שמוטציגעס געזינדעל ! אונד דארים בעדאנקע איך מיך פיר דיא עהרע איינען אפפען צום שוויגערפאטער צו האבען. איך בעדאנקע מיך פיר דיא בלאמאושע — איך האבע קראזשע — אונד פערלאנגע מיינע אפאנאזשע . . . פפוי ! שמוטציג ! העסליך ! נידריג ! א, ז, ו, [אוב] ;

גאלדע. נאו האב איך געזאגט או דער דייטש איז א פארשלעפטע קרענק ? וויא אזוי איז ער געגאנגען ? (וויל איהם נאכלויפען) !

מענדעלע. (האלט זיא צוריק) לאז איהם לויפען !

אסתר רחל. קריינעלע מיינע און וואס ווערט היינט גאנץ פאלאצק זאגען ?

בייניש. פאלאצק ? וואס מיר פאלאצק ? איך שפייא אויף גאנץ פאלאצק ! איך וועל איך באלד אבשפילען א חתונה אויף איין אנדערן אופן ! (שרייט און קוליסען) שיקט נאך פאליציא ! . . . שוין פאליציא !

שלומקה. טררררר . . . . פיף. פאף. טראקי קראקי טררררררר און וואס ? גאר ניט ! . . . ברידער בריה זיך — ניט ! זעהסטו איך בין א בריה. איך האב אויסגעטרינקען האב איך קוראזש ! איך טשאה. איך רעד איך מאהן, איך פאדער. אבער וואס בין איך ? איין אונגליקליכער. א צובראכענער. א געפאללענער מענטש ! בריה דיך ניט. פערגעסס ניט או דיא ביזט אויך ניט מעהר וויא א לעבענדיגער מענטש. האסט ליעבע זיעססע קינדערליך. ביזט רייך. ביזט געזונד. וואס נאך פעהלט דיר ? גיב א קיק אויף דעם יונגען מאנן ! דיא קענסט איהם. איז ער ניט א שטילל כשר ערליך קינד ? וועט אלישבע ניט גליקליך זיין מיט איהם ? וועלען זייא ביידע דיך ניט אכטען ? איך מאהן בייא דיר גאר ניט. איך דארף פאר מיר גאר ניט ! גיב אב דיא קינדער . . . און איך . . . איך וועל שוין אזוי אפשטיפטען דאס ביססעל יאהרען בייא אלישבען און א ווינקעלע ערגיץ און קעך. איאה אלישבע דיא וועסט מיך ניט ארויסטרייבען ? . . . לאז שוין זיין גענוג ! איך בין שוין

מיעד . . . ברידער מיין הערץ איז קראנק . איך קען שוין ניט מעהר קיין קאמעדיעס שפילען . כל זמן איך האב נאך געלאכט האב איך נאך געקענט קריגען אשטיקעל ברויט מיט אביסעל בראנפען . אבער אז איך וועל וויינען ! . . . פע . זייא האבען פיינט וויינען . דיא מענטשען האבען ליעב מען זאלל זייא אמוזירען . טאנצען זינגען . . . ברידער האב רחמנות !

אסתר רחל . ביינ׳יש ! אויב דיין הארץ שוויגט . וואס זאלל איך רעדען און וואס זאלל איך זאגען ?

גאלדע . נוא און וואס וועט זיין מיטין געבעקס און מיטין געבראטענס ? און מיט דיא כלי זמר ? זאלל מען אלדינג ארויסווארפען פאר דיא חזירים ?

ביינ׳יש . איך פערשטעה ניט . וואס טהיט זיך דא ? וואס זשע ? דער דייטש איז טאקע אוועק געגאנגען ? וואס זשע שטעהט נאך ניט אהן דעם טאטען זיינעם ? . . . היינט ערשטענס וואס זשע דארף איך אז דיא בארד זאלל מיר זיין פארקאטשעט ? (בייגט אפיר דיא באיד) וואס האסטו געזאגט גאלדע ? אלדינג ארויסווארפען פאר דיא חזירים ? מען דארף ניט ארויסווארפען זייא וועללען עס אויפעססען ! וואס האט ער געזאגט איך בין איין אפפע ? דאס הייסט א בעזימינער ? איך דארף איהם נאך בעטען ? איך קען ניט קריגען קיין חתן פאר מיין אלישבע׳ן ? מיט מיין טאכטער ווארפט מען זיך ? . . . מישע — אהער גיכער ! (שלומקה שטיפט איהם אינטער) דיא ביזט א קבצן . דיא ביזט א נאר ניט . דיא ביזט מיין משרת . און אז איך וויל מאך איך דיך גליקליך מיט איין וואהרט ! ניט פאלאצק זאלל מארגען לאכען פון ביינישען ! נאר ביינ׳יש דארף לאכען פון פאלאצק ! אלישבע ! מישע ! (געהן בידע צו ער לעגט זייערע הענד צו זאממען) גאלדע ! דעם שבת עססען מיר טשאלענט מיט פארפעל צימעס !

(אויפטריט סימאן) .

סימאן . איך פערלאנגע מיינע האכצייטספרעזענטע . דיא קאסטען מיך 5 טויזענד רובל !

ביינ׳יש . 5 טויזענד רובל איז ביי מיר א בלאטע א גאר ניט

גאלדע . א נעכטיגע זאך !

ביינ׳יש . 5 טויזענד רובל קען ביינ׳יש בעצאהלען צו יעדער צייט און לאז א דייטש וויססען אז ביינ׳יש בלייבט ביינ׳יש !

גאלדע . און דייטש בלייבט דייטש !

שלומקה . און וואס איז א דייטש ? א דייטש איז א דייטש , און א . . . אנוא א פרעהליכם א לעבעדיגם לכבוד שבת !

(איין לוסטיגער יודישער טאנץ)

(לאססען זיך אללע אהן א ראד טאנצען) :

(פארהאנג פאללט) .

	Zł. gr.
לאַטײנער: דאָס יודישע קינד, קאָמ אָפּ.	1.—
„ הינקע פינקע, מעלאָדראַמע „	1.—
„ יודאַלע דער בלינדער, פאָלקסשט.	1.—
„ יוסף אין עגיפּטען, היסט. אָפּער.	1.—
„ מישקע מאָשקע, קאָמעדיע	1.—
„ סדר־נאַכט, לעבענסבילד	1.—
„ עזרא דער עווינגער יוד, אָפּער.	1.—
„ על נהרות בבל ביב. מוזיק. דר.	1.—
„ קדוש־השם, אָפּערעטע	1.—
„ ש׳ מה גאָרנעל, לעבענסבילד	1.—
ד. מאַנדילבוים: ציפּקע פייער, אָפּערעטע	1.—
„ דער גרויסער מאָמענט „	1.—
„ איציקל וויל התונה האָבען „	1.—
„ געלד, ליבע, שאַנדע, „	1.—
„ וואו זענען מײנע קינדער	1.—
„ יאַנקעלע, אָפּערעטע	1.—
גאָליער: דער קאַרגער, קאָמעדיע	1.25
מיש: כל נדרי, היסט. אָפּערעטע	1.—
מירבא: זשאַן און מאַגדאַלענע, דראַמע	1.50
מײזעלים: דער גולם, פאָלקסשטיק	1.—
נאָזשיק: רײזעלע דעם רבינ׳ס	1.—
סיגעל: דאָס חופּה־קלייד, מעלאָדראַמע	1.—
„ היינטיגע מיידלעך „	1.—
סענאַלאָוויטש: די וואַנט, דראַמ. פּאָעמאַ	1.—
פיינמאַן ז.: דער וויצעקעניג, אָפּערעטע	1.—
„ חנה׳לע די נ׳ הערין, לעבענסב.	1 —
„ עזריה גבור היל, היסט. אָפּער.	1.—
פּרילוצקי פּאַאולאַ: איינע פון יענע	1.—
„ ירושה, דראַמע	1.—
פריימאַן: קאַווקאַזער ליבע, אָפּערעטע	1.—
צפּור י. ב.: אין בבל, דראַמ. פּאָעמאַ	2.—
קאָרנבליט: מאָטי מלך דער סטאָלער	1.—
קאָברין ל.: דער ראָרפּסיונג, פישער־דר.	1.—
ריכטער מ.: משה חיט, לעבענסבילד	1.—
„ צו שפּעט	0 80
„ שקלאַפּענהענדלער	0.80
„ שלום בית, לעבענסבילד	1.—
ראַקאָוו: דער בטלן	1.—
„ חנה׳טשע אין אַמעריקא, אָפּער.	1.—
„ די נשמה פון מיין פאָלק, „	1.—
שניצלער א.: דער קאַראַהאָד, (רייגען)	1.—
„ ליבע־שפּיל, דראַמע	1.—
שײקעוויטש (שמ״ר): משה סאָדאַט	1.—
„ די קאקעטע דאַמען, קאָמעדיע	1.—

	Zł, gr.
שילער פ.: די רויבער, טראַגעדיע	1.50
שור א: אַ מענש זאָל מען זיין, לעבענסב.	1.50
„ די אַמעריקאַנערין, אָפּערעטע	1.25
„ שיר השירים, לעבענסאָפּער.	1.25
„ רומענישע התונה, אָפּערעטע	1.—
„ באָרג מיר דיין ווייב, פאַרס	1.—
שלום עליכם: צוויט און צושפּרייט	1.—
שליפּערשטיין: דאָרא, דראַמע	1.—
שאַרקאַנסקי: חפני און פנחס, מעלאָדר.	1.—
שטיינבערג: די מוטער, דראַמע	1.—
רעוואָלוציע אין הימעל, פאַנט. ביָלד	1.—
בערעלע באָסיאַק, אָפּערעטע	1.—
חאַצקעלע כל־בוניק	1.—
דאָס זיסע מיידעל, (פענסיאָן מיידעל)	1.—
3 מינוט טויט, קאָמעדיע	0 50
די שוואַרצע חופּה, לעבענסבילד	1.—
דועקעלע בלאָפער, קאָמ. אָפּער.	1.—

אײנאַקטערס.

אָזשעשקאָ: דאָס איבערגעריסענע ליד	0 50
אָרנשטיין א.: דאס אייביגע ליד	0 75
אָר־אָט: קינדערליבע	0 50
בראָקאָ ר.: פּיעטראָ קאַרוזאָ, דראַמע	0 50
בעלג: הערקולעס, פאַרס	0 60
האַרטיגאַ: קלעפּטאָמאַניע, פאַרס	0 60
הייערמאַן: אַמנעסטיע, עפּילאָג	0.40
„ אייביגער יוד, לעבענסבילד	0 60
ווידערוויטש: די יוד. גמינע	0·40
וו. ל.: מיספּע־שטענדנים, פאַרס	0.50
זילבערצווייג: איהר שוועסטער	0 50
„ דער מעדאַליאָן, פאַרס	0.50
„ הרטה, קינדער־פּיעסע	0 30
זאבלודאָווסקי: שענערע פרנסה	0 50
טער: פּערפעסער אין קינדבעט	0.30
טונקעלער: דער הומאָריסט, שפּאַס	0.50
„ דער חתן	0.50
טאַנענבוים: ערשטע וויזיט, שפּאַס	0 50
לאביש: נאָך צוועלף, פאַרס	0.50
„ אַמעריקאַנער חתן, קאָמעדיע	0 50
מירבא: דער טייסטער, קאָמעדיע	0 60
„ דער גנב, פּיעסע	0 60
מאַאַנאַ: צוויי טויבע, פאַרס	0 50

	Zl. gr.
מאָנאָסאָוויטש: חנה און די 7 זוהן	0 30
פרעצט ג.: קאָמעדיאַנט, קאָמעדיע	0 50
פרילוצקי פ.: אַקטאָר, עטיוד	0.60
פרעדרא: דאָקטאָר רובינשטיין, פאַרס	0.50
פראַנקענטהאַל: ס'לעבען רופט	0.30
" אַ זוהן אַ שרייבער,	0.30
" שלאָפלאָזער, דראַמע	0.30
צבי ש.: יוקעל גנב, פאַרס	0 40
קאַצענעלזאָן: בחורים, קאָמעדיע	0.60
" דעקאַדענט	0 60
" צוויי מענשען מיט איין פנים	0.30
רישקאָוו: 30־טער פערוואר, טראַגעדיע	0.40
שווייצער: טעאַדאָרינדע, שפּאַס	0.50
שניצלער: עפּיזאָדע, קאָמעדיע	0.50
" [illegible]אַטאַלע פראַגע,	0.60
" [illegible]נוטען לעבען, שפּאַס	0.40
" ליטעראַטור, קאָמעדיע	0 80
שלום עליכם: דער גט	0.50
" אַ דאָקטאָר, שפּאַס	0 50
" מזל טוב	0 50
" אַ רעצעפּט געגען שוויגערס, פאַרס	0 30
" דיאַנאַ	0.50
" רויט היטעלע, קינדער־פּיעסע	0.30
" דער האָלצהעקער	0.30
טשעכאָוו: דער פאָרשלאַג	0 50
קופּרין א. י.: דער קלאַון	0,50
דער קליענט ביים פאָטאָגראַפיסט	0.50

נייע ערשינונגען:

4 סעריעס ערצעהלונגען

I סעריע:

היסטאָרישע ערצעהלונגען:

1. דער פאַלשער משיח:
2. דער פּויבסט אלחנן:
3. איין נאַכט קעניג:
4. די יודישע פאָהן פון פּראַג:
5. ר' איציק ר' יעקב'ס שוהל אין קראָקע:
6. דער רמ"א און דער בישאָף:
7. דער שתדלן פון וויען:
8. דער קדיש:
9. די טערקען פאַר די טויערן פון וויען:
10. יהודה המאמין:
11. דער נדר צו פאָהרען קיין ארץ־ישראל:
12. על נהרות בבל:
13. רבי מנשה בן ישראל:
14. דעם סולטאַנ'ס לייבאַרצט:
15. רבקה אַברבנאל:
16. אין די טעג פון דער אינקוויזיציע:
17. שבת ראַפּטום:
18. שפּרינצע וויטאל
19. די גרויזאַמע אינטריגע:
20. נאַפּאָלעאָן — און דער יודישער רעגדאַר.

II סעריע:

חסידישע מעשיות און לעגענדען:

1. דער סולטאַן — און דוד המלך:
2. דער ל"ו־ניק:
3. דער בייזער רבי יואל:
4. דער רויבער דאָבאָש און ר' לייב פּיסטינער:
5. געוואָלט ברענגען משיח'ן:
6. די פאַמיליע אריאל:
7. דער לולב:
8. ארץ־ישראל־ערד:
9. ברודער און שוועסטער:
10. דאָס יודישע האַרץ:
11. די משומדת:
12. די קראַנקען־שוועסטער:
13. שמשון הגבור:

III סעריע:

ערצעהלונגען פון דער וועלט מלחמה:

1. פערגראָבענע לעבעדיג־בעגראָבענע:
2. דער שפּיאָן:
3. דער גייסער
4. קאָזאַקען קומען
5. צווייטע און צושפּרייט
6. פון טויט לעבעדיג:
7. דער געפאַנגענער:

פרייז: צו 20 גר.

IV סעריע:

קרימינאַל־געשיכטען:

1. דער קאַמף מיט די שדים:
2. דער שוואַרצער פערברעכער:
3. דער עקספּרעס:
4. דער פערשטעלטער דעטעקטיוו:
5. דער איידים אַ מערדער:
6. דער נייער מלאך המות:

פרייז: צו 30 גר.